STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02006

DI SHEHNE MIRYAM

Jacob Gordin

Permanent preservation of this book was made possible by the Kirschner Foundation in honor of Pauli Loeffler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די

שֶׁעֶהנֶע מִרְיָם

היסטאָרישע אָפּפּערעטטע מיט פּראָלאָג אונד עפּילאָג

אין 4 אקטען

פֿאָן

יעקב גארדין

מוזיק פאן מאגולעסקא.

Die Schöne Mirjam

Historische Opperette in 4 Acten mit Prolog u. Epilog

von Jacob Gordin. — Musik von Moguleskue.

PODGÓRZE.

Eigentum und Verlag von Amkraut & Freund, Buchhandlung in Przemyśl.

Druck von S. L. Deutscher. — 1908.

פֶּערְזָאנֶען:

קֶענִיג פֶּערְדִינַאנְד פאָן האסטיליען

אִיזַאבֶּעלַא זיינע פרוי

פֶּעדְרָא דֶע סֶעוִילַא, גענעראל

סֶעבַּאסְטִיַאן, זיין זאָהן

דָאן מֶענְדוֹזֶע, אייגענטימער פאָן עֵמֶק הָאֲרָזִים

מִרְיָם, זיינע טאָכטער

פַּאטְרִיקַא גְרַאצְיֶע, אינקוויזיטאָר

גָאנְזֶעלַא, זיין פערטרויטער

דָאן גְיָאזֶעפֶּע, סעווילא'ס דיענער

יוֹאָננַא, זיינע פרוי

פֶּערְנַאנְדָא מַארַאלֶעס, גאָווערנער פאן סעגאָוויע

רוּבִּין, דיענער אין עֵמֶק הָאֲרָזִים

רִיכְטֶער

אָפִּיצִיער ביים קעניג

אָפפיציערע, גראפען, וועכטער, מיליטער, פאלק.

אָרט דער האנדלונג: קאסטיליען.

פראלאג.

(פינסטערע צעלע אין דער אינקוויזיציאָן, אינסטרומענטע אויף דער וואנד).

דאָן גראציע, אמבראזיוס ריכטערס.

קאָהר: היילינער פאטער, מיר בעטען מיט א ריין הארץ (נאך געזאנג).

גראציע: מען זאל ברענגען דעם געפאנגענעם (וועכטער ברענגען איהם).

פעדראָ דע סעווילא.

גראציע: אונגליקליכער, ווייסטו וויא דיא געפינסט דיך אצינד?

סעווילא: איך זעה א טינקלען קעלער, זעהר דונקלע מענשען, זעהר שרעקליכע מארטער אינסטרומענטע, איך קען מיר נישט ערקלערען ווער זייט איהר? וואס פערלאנגט איהר פון מיר? איך בין געגאנגען מיט מיינע רעגימענטער, געגען דען פיינד פון קאסטיליען, ביי נאכט זענען מיך אונערווארטעט איבערגעפאלען מאסקירטע מענשען, און האבען מיך מיט געוואלט אהער געבראכט, וויא בין איך?

גראציע: דיא ביזט אין געהיימען געריכט, איך פאטריקא־גראציע האב בעפוילען דיך אהער צו ברענגען.

סעווילא: דיא, פאטריקא גראציע! מיין פערזעהנליכער פיינד!

אמבראזיע: פאטריקא גראציע איז דער בעשיטצער פון אונזער רעליגיאָן!

גראציע: מיך האט דיא היילינע אינקוויזיציאָן פיר דיעזעם אמט בעשטימט.

סעווילא: יעצט פערשטעה איך שוין ווארום עס זענען אין דער לעצטען צייט זאפיעלע בעוואוסטע אונד אנגעזעהענע לייטע פערשוואונדען. — די פאטריקא גראציע דער בעשיטצער דער היילינען אינקוויזיציאָן?

גראציע: יא איך! — אונגליקליכער, דיא ביזט בעשולדיגט דאס די האסט דיין לעבען לאנג נור דיא ראלע איינעם פראמען מאנעם געשפיעלט, אין דער ווירקליכקייט האסטו בעלאנגט צו איינעם אונריינען גלויבען

פוּן יוּדֶען! אִיזְט עֶס וַואהר? וִיהסְט דוּא דִיא מַארְטֶער אִינְסְטְרוּמֶענְטֶע, דִיעֶזֶע זִינְד אוּנְזֶערֶע מִיטֶעל מִיט וֶועלְכֶע מִיר צְוִוינְגֶען יֶעדֶען פֶערְבְּרֶעכֶער דִיא וַואהרְהֵייט צוּ גֶעשְׁטֶעהֶן, זַאגֶע בִּיזְטוּ אֵיין פְּרַאמֶער מַאן (שווייגט) פֶּעדְרָא דֶע סֶעוִוילַא דוּ וֶועסְט בַּאלְד אַנְפַאנְגֶען צוּ רֶעדֶען.

אמבראזיע: (ערשראָקען) פֶּעדְרָא דֶע סֶעוִוילַא אִיזְט עֶס? מֵיין גָאט!

גראציע: וָואס אִיזְט?

אמבראָזיע: אִיךְ דֶענְק, זָא אֵיין בֶּערִיהמְטֶער פֶעלְדְהֶער וִויא פֶּעדְרָא דֶע סֶעוִוילַא זָאל קֵיין פְּרַאמֶער זֵיין!

גראציע: פֶּעדְרָא דֶע סֶעוִוילַא, ווִילְסְטוּ דִיא וַואהרְהֵייט גֶעשְׁטֶעהֶן, אַנְטְוָוארְטֶע בִּיזְטוּ יוּדֶע? אָדֶער פוּן אֵיין אַנְדֶערֶען גְלוֹיבֶען?

סעווילא: אִיךְ וֵויים, דוּא ווִילְסְט אִיךְ זָאל דִיר דִיא וַואהרְהֵייט נִיכְט גֶעשְׁטֶעהֶן, אוּם זָאלְסְט הָאבֶען דִיא מֶעגְלִיכְקֵייט מִיךְ צוּ פֵּיינִיגֶען אוּנ צוּ מַארְטֶערְן, נֵיין עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, אִיךְ וֶועל בֶּעסֶער דִיא וַואהרְהֵייט זָאגֶען, אוּם פִיר דֶער וַואהרְהֵייט צוּ שְׁטֶערְבֶען, יָא! פוּן יוּדִישֶׁע עֶלְטֶערְן שְׁטַאם אִיךְ אַרוֹיס, אַ יוּד בִּין אִיךְ מֵיין לֶעבֶען לַאנְג. מֵיינֶע גָאטְזֶעלִיגֶע פְרוֹי אִיז פוּן אֵיין אַנְדֶערֶער רֶעלִיגְיָאן גֶעוֶועזֶען, מֵיין אֵיינְצִיגֶער זָאהן וֶועלְכֶער גֶעפִינְט זִיךְ הַיינְט אִין דֶער שׁוּלֶע אִיזְט אוֹיךְ פוּן דֶערְזֶעלְבֶען רֶעלִיגְיָאן, אַבֶער אִיךְ וַואר אֵיין גֶעצְוואוּנְגֶענֶער דַאצוּ — אִין גֶעהֵיים בִּין אִיךְ גֶעוֶועהן טְרֵייא אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צוּ דֶעם גְלוֹיבֶּען פוּן מֵיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ וֵויים אִיךְ וֶועל יֶעצְט צוּם טָאדְט פֶערְאוּרְטֵיילְט וֶוערֶען, דָאס אָבֶער קִימֶערְט מִיךְ אַם וֶועניגְסְטֶענְס וַוייל אַ יוּד בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירֶען אוּנ אַ יוּד וִויל אִיךְ שְׁטַארְבֶען.

גראציע: נֵיין מֵיין פְרֵיינְד — זַייא נִיכְט זָא אִיבֶּערְאַיילְט, דוּא הָאסְט נָאךְ פִּיעלֶע פְרַאגֶען צוּ בֶּעאַנְטְוָוארְטֶען, וָוא אִיזְט דֵיין בְּרוּדֶער פֶּערְנַאנְדָא?

סעווילא: דוּא וֵוייסְט וִויא מֵיין פֶערְלוֹירֶענֶער בְּרוּדֶער אִיזְט?

גראציע: יָא אִיךְ וֵויים דֵיין בְּרוּדֶער פֶּערְנַאנְדָא אִיזְט דָא גֶעשְׁטָארְבֶען מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶען טוֹידְט, אָבֶער וִויר וָואלֶען ווִיסֶען וָוא דֵיין זָאהן אִיזְט, דוּא וֵוייסְט עֶס גֶעווִיס.

אמבראזיע: גָאט עֶרְבַּארְמֶע דִיךְ!

גראציע: (צו איינעם פון דיא ריכטער) דֶער יוּנְגֶע רִיכְטֶער אִיזְט מִיר וָואס פֶערְדֶעכְטִיגְט (ווייזט אויף אמבראָזיען).

ריכטער: עֶר אִיזְט אַ זֶעהר טְרֵייעֶר דִיעֶנֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיג טְרִיבוּנָאל, אוּנ אֵיין אֵייפְרִיגֶער בְּרִידֶער — עֶר אִיזְט אוֹיךְ אַ גוּטֶער אַרְצְט אוּנ זַיינֶע הִילְפֶע דַארְפֶען מִיר זֶעהר אָפְט הָאבֶּען!

גראציע: יוּדֶע! ווִילְסְטוּ אַנְטְווָארְטֶען ווָא זִיךְ דַיין בְּרוּדֶערְם ווֹהן בֶּעפִינְדֶעט? זַיין יוּדִישֶׁער נָאמֶען אִיזְט אִיזְרַאעֶל! דוּא שְׁווַיינְסְט? נָאךְ אֵיינֶע פְרַאגֶע, ווֵייסְטוּ ווָא עֶם בֶּעפִינְדֶעט זִיךְ דֶער בֶּעוואוּסְטֶע דָאן מֶענְדוֹזֶע דַיין שְׁוֶועסְטֶערְם מַאן, ווֶעלְכֶער אִיזְט מִיט זַיינֶער קְלֵיינֶען טָאכְטֶער פֶער־שְׁווּאוּנְדֶען פוּן סֶעגָאווִי, זַייא זֶענֶען אַלֶע אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דֶעם יוּדִישֶׁען גְלוֹיבֶּען, מִיר בְּרוֹיכֶען זַייא!

סעווילא: דוּא בְּרוֹיכְסְט זַייא? אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה! אָבֶער זָאלַאנְגֶע אִיךְ הֶערֶע ווָאס דִיא רֶעדֶעסְט ווֶעל אִיךְ דִיר אוֹיף דִיעֶזֶע פְרַאגֶען נִיכְט בֶּעאַנְט־ווָארְטֶען, אִיךְ ווֶעל מֵיינֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶע בְּרִידֶער נִיכְט פֶערְרַאטֶהעֶן!

גראציע: דַאן נֶעמְט אִיהם אוֹיף דֶעם מַארְטֶער טִישׁ, עֶר ווֶעט בַּאלְד אַנ־פַאנְגֶען צוּ רֶעדֶען.

ריכטער: פִילֵייכְט אִיזְט בֶּעסֶער מִיט עֶטְווַאס לַייכְטֶערֶעם אַנְצוּפַאנְגֶען, דֶען עֶר ווִירְד עֶם נִיכְט עֶרְטְרַאגֶען.

גראציע: יוּדֶען קֶענֶען אַלֶעם עֶרְטְרַאגֶען. (גראציעס בעפעהל ווירד אויסגעפיהרט).

סעווילא: (שרייט) ד׳ ד׳ אֵל רַחוּם וְחַנוּן! (ווערט שטיל).

אמבראזיע: (פיהלט זיין שמערץ) אָב דֶער מַארְטֶער ווִירְד פָארְטְגֶעזֶעצְט ווֶערֶען, פֶערְלִיעֶרְט דִיא הֵיילִיגֶע אִינְקְווִיזִיצִיאָן זַיינֶע זֶעלֶע, פִילֵייכְט ווִיל דֶער יוּדֶע תְּשׁוּבָה טְהוּן אוּנ אַלְם פְרוּמֶער מַאן שְׁטֶערְבֶּען!

גראציע: גֶענוּג, מִיר ווֶעלֶין דֶעם יוּדֶע צֵייט גֶעבֶּען זִיךְ צוּ בֶּעזִינֶען אוּנ תְּשׁוּבָה טְהוּן, בְּרֶענְגְט אִיהם צוּ זִיךְ עֶרְמוּנְטֶערְט אִיהם עֶר זָאל מָארְגֶען ווִידֶער קְרֶעפְטֶע הָאבֶּען אוּנְזֶערֶע עֶרְפָארְשׁוּנְג אוֹיסְצוּשְׁטֶעהֶען. קוּמְט בְּרִידֶער! דִיא הֵיילִיגֶע זִיטְצוּנְג אִיזְט גֶעשְׁלָאסֶען. (אלעם אב מיט פאקלען עס ווירד דונקעל).

אמבראזיע: (ברענגט סעווילא צו זיך) אִיהר גֶעמֵיינֶע לוּמְפֶען בַּאנְדֶע!

סעווילא: (ערוואכט) ווֶער אִיז דָא מִיט מִיר? מֵיינֶע קְרֶעפְטֶע פֶערְלָאזֶען מִיךְ!

אמבראזיע: אִיךְ... דֶער אַרְצְט פוּן דֶעם טְרִיבוּנַאל — — — (שטיל) רְאֵה ד׳ וְהַבִּיטָה לְמִי עוֹלַלְתָּ כֹּה, זֶעה גָאט אוּנ בֶּעטְרַאכְט ווֶעמֶען הָאסְטוּ אַזוֹי גֶעטְהוּן. (וויינט איבער איהם).

סעווילא: איך קען נישט פערשטעהן דיא רעדסט מיט אונזער הייליג לשון! ווער ביזטו?

אמבראזיע: יהודי אנכי וד׳ הוא אלהי! ישראל ווע דערקענסט מיך נישט? *(דעקט אויף דיא מאסקע)* זייא רופען מיך יוליאן אמבראזיע אבער מיין ריכטיגער נאמען איזט ישראל איך בין דער איזראעל וועלכען זייא זוכען — איך בין דיין אונגליקליכען ברודערס זוהן.

סעווילא: ישראל מיין ברודערס זוהן ד׳ הוא האלהים!

אמבראזיע: יא אנקעל פערנאנדא וואר מיין פאטער מיט פיעל מיה אונ שרעק בין איך אהער געקומען, שטארק דיך מיר וועט פיליכט געלינגען דיך צו רעטען, איך ווייס אלע געהיימע איינגענגע און אויסגענגע.

סעווילא: ניין! איך פיהל דער טוידט קומט, ליעבער ישראל, איך בעט דיך עטוואס, מיין זוהן ווירד יעצט ערצויגען אין איין אנדערער שולע, ער ווייסט נישט אב ער שטאמט פון יודען, זיין יעצטיגער נאמען איזט סעבאסטיאן, זיין יודישער נאמען איזט עמאנועל, ווען ער וועט אלט ווערען 25 יאהר, ענטדעקע איהם דיעזעס געהיימניס, ערצעהלע איהם פון מיין ליידען, און זאג איהם דאס מיין לעצטעס ווארט, מיין לעצטער געדאנק וואר ער, סעבאסטיאן. *(חלישט)*.

אמבראזיע: אבער ליעבער אנקעל, וויא וועל איך איהם קענען איבערציינגען?

סעווילא: ער טראגט אויף זיין האלז איין צערבראכענעם מעדאילאן, איך האב איהם פיעלמאהל געזאגט, אז עס וועט קומען א צייט ווען דאס מעדאליאן וועט ווערען גאנץ, דיא העלפט דאס *(נעמט פון האלז)* ווען דיא וועסט דאס צוזאמען לייגען מיט זיין מעדאליאן, וועט עס צוזאמען בילדען איין מגן דוד, איך שטארב, טייערער! לעבע וואהל! *(שטארבט אמבראזיע בעהאלט דאס מעדאליאן, וויינט)*.

(גראציע קומט שטיל מיט פאקעל אין דיא האנד).

גראציע: *(אפארט)* דיעזער יונגע מענש איזט מיר זא פערדעכטיגט מען דארף זעהן וואס ער טוט *(אמבראזיע ערבליקט איהם פערדעקט דאס געזיכט מיט מאסקע)* נון ברודער, וויא געהט עס דען יודען?

אמבראזיע: איהר זייט עס, הייליגער ברודער? דער יודע איזט שאהן דארט אים הימעל!

גראַציע: וָואס! אֵיין יוּדֶע אִים הִימֶעל? אִין דֶער הֶעלֶע מֵיינְסְטוּ!

אמבראזיע: גוּטֶער, הֵיילִיגֶער בְּרוּדֶער, דֶער יוּדֶע אִיזְט אִים הִימֶעל, אוּנ דוּא וִוירְסְט בַּאלְד אִין דֶער הֶעלֶע זֵיין! (שטעכט איהם) פִּיר מֵיין פַּאטֶער אוּנ פִּיר מֵיינֶען אֶנְקֶעל (גראציע פאלט).

(פ א ר ה א נ ג).

(צווישען-אקט שפיעלט מוזיק איין שפאנישען טרויערמארש ביז אויפצוג דעם I אקטעס).

I. אַקְט.

(איין גאס אין סעגאָווי, עס פאסירען מענער פרויען).

גיאָזעפּע, יואַנאַס.

גיאזועפּע: אִיךְ וֶועה דִיךְ, דַאנְקֶען גָאט! מִיר וֶועֶן נִישְׁט אַרוֹים גֶעקְרָאכֶען מֵיינֶע אוֹיגֶען, 70 יָאהר אַלְט!

יואנא: דָאן גִיאָזֶעפֶּע לוֹמְפַּאצִיאַן, דִיא ווִילְסְט זָאגֶען 75 יָאהר! אַז דִיא מַאכְסְט דִיר מִיט 5 יָאהר קֶערְצֶער דָאס לֶעבֶען, מַאכְסְטוּ מִיר מִיט 5 יָאהר לֶענְגֶער מֵיינֶע צָרוֹת! 75 יָאהר בִּיזְטוּ אַלְט!

גיאזועפּע: אַ יָא 75 יָאהר, אוּן אִיךְ קוּק נָאךְ!

יואנא: טַאקִי אַ גְרוֹים בְּרְיָה'שְׁקַייט, קוּקֶען!

גיאזועפּע: יָא, אָבֶער פַאר וָואס קוּקְט אוֹיף דִיר יֶעדֶער וֶוער עֶס גֶעהט דָארְךְ?

יואנא: נוּ, נוּ, נֶעם לֶעג יֶעדֶען אַרוֹיף אַ פְלַאסְטֶער אוֹיף דִיא אוֹיגֶען,

גיאזועפּע: אִיךְ פַארְשְׁטֶעה, דִיא פַארְטְשֶׁעפֶּעסְט מִיט אַ בְּלִיק, מִיט אַ ווִינְק, מִיט אַ שְׁמֵייכֶעל מִיט אַ חֵנְ'דִיל (שפאניער געהען פאראיבער) אָט זֶעהְסְטוּ, ווִיא עֶר וַוארְפְט אוֹיגֶען, וָואס מֵיינְט עֶר דַאמִיט?

יואנא: גֶעה פְרֶעג אִיהם!

גיאזועפּע: אַז אִיךְ גֶעה פְרֶעגֶען, אִיז בֵּייא מִיר אֵיינְס, צְוֵוייא אוּן פֶערְטִיג — אוּן דוּא בִּיזְט גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגֶען אוּנְזֶער יוּנְגֶען הֶערְרן דָאן סֶעבַּאסְטִיַאן דֶע סֶעווִילַא אוֹיב מִיר מֶעגֶען אַוֶועג גֶעהן, בִּיזְטוּ גֶעבְּלִיעבֶּען אֶפְשַׁר צְוֵוייא שָׁעָה!

יואנא: וָואזְשֶׁע אוּנְזֶער יוּנְגֶער הֶערר אִיז בֵּייא דִיר אוֹיךְ אַ שַׂטְנָא:

גיאזועפּע: יָא! אַ שַׂטְנָא מִיט כְּלָאִים.

יואנא: בִּיזְט מְשׁוּגָע? עֶר אִיזְט דָאךְ מִיר אַזוֹי ווִי אַ קִינְד, אוּן אִיךְ אִיהם אַזוֹי ווִיא אַ מַאמֶע!

גיאזעפע: פַאר אַ קִינְד אִיז עֶר צוּ אַלְט, פַאר אַ מַאמֶע בִּיזְטוּ צוּ יוּנְג — מִיט 10 יָאהר צוּרִיק, וֶוען דַיין טַאטֶע אוּנְזֶער גוּטֶער הֶערְר, פֶעדְרָא דֶע סֶע־ווִילַא אִיז פְלוּצִים נֶעלָם גֶעוָוארֶען, אִיז נֶעבִּיךְ גֶעוֶוען אַ רַחֲמָנוּת אַצִינְד אָבֶּער אִיז דֶער יָתוֹם שׁוֹין 22 יָאהר אַלְט אַזַא יָתוֹם אִיז נִישׁ אַ שְׁפִּילִיכֶען!!

יואנא: אִיךְ זָאל דִיךְ פָּאלְגֶען וָואלְט אִיךְ בֶּעדַארְפְט לֶעבֶּען נָאר צוּלִיעבּ דִיר, קוּקֶען נָאר אוֹיף דִיר אִין רֶעדֶען אוֹיךְ נוּר מִיט דִיר.

גיאזעפע: טַעֲנָה נִישְׁט אַ סַךְ! אִיךְ בִּין דַיין גֶעזֶעטְצְלִיכֶער מַאן אִין בַּאהֶערְשֶׁער דָאן גִיאָזֶעפֶּע! אַהֶער גֵעה! בִּיזְט גֶעוֶוען בֵּיי אִיהם? הָאסְט אִיהם גֶעפְרֶעגְט, הָאט עֶר דִיר עֶרְלוֹיבְּט צוּ גֵעהְן, וָואס בִּיזְטוּ דָארְט גֶעזֶעסֶען?

יואנא: אַ אַלְטֶער שׁוֹטֶה עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט. עֶר הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט אוֹיסְפְרֶעגֶען, אוֹיבּ אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווִי מִרְיַם דֶע מֶענְדוֹזֶע גֶעפִינְט זִיךְ, עֶר אִיז דָאךְ פֶערְלִיעבְּט אִין אִיהר אִיבֶּער דִי אוֹיעֶרְן!

גיאזעפע: גֶעוָואלְט! — דִי הָאסְט גֶעווִיס אַלֶעס אוֹיסְגֶעפְּלוֹידֶערְט. אִין אוּנז אַלֶע אוּנְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט, גֶעוַואלְד פוּן וַואנֶען קֶען עֶר מִרְיָם?

יואנא: וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען בֵּיי אִיהר מוּמֶע דָאנֶע דֶע קָארְץ הָאט עֶר זִי אָפְט גֶעזֶעהֶען, אָבֶּער קוּם שׁוֹין מִיר הָאבֶּען נָאךְ אַזוֹי וַוייט צוּ גֵעהְן.

גיאזעפע: דוּ הֶערְסְט! קוּם שׁוֹין, גָאר אִין דֶעם סִימָן הָאסְטוּ...

יואנא: וָואס פַאר אַ סִימָן דַארְפְסְטוּ נָאךְ?

גיאזעפע: הָאסְט פֶערְגֶעסֶען אַז דָארְט טוּר מֶען נִישְׁט אַרַיין גֵעהְן, אוּן אַ סִימָן (געשרייא) שַׁא שַׁא שׁוֹין בַּאלְד (פון אלע זייטען לויפען מענער פרויע קראנקע).

(קאהר אויפטריט).

אלע: דֶער הֵיילִיגֶער אַמְבְּרָאזִיע גֵעהט, דֶער גוּטֶער פָּאטֶער קוּמְט.

(אמבראזיע פערקליידעט אלס הייליגער).

אמבראזיע: נָאט זֶעגְנֶע אַייךְ מַיינֶע בְּרִידֶער (גיט אלע צו קושען איין בוך).

יואנא: (קישט דאָס בוך) גִיאָזֶעפֶּע מֶעגְסְט אוֹיךְ קִישֶׁען דָאס בּוּךְ אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְנָאךְ אוֹיסְכַּשֶׁר'ן דִיא צֵיין!

אמבראזיע: (צו דיא קראנקע) דִיר גוּטֶער בְּרוּדֶער הָאבּ אִיךְ גֶעבְּרַאכְט אַ גְרָאז, ווִיא אִיךְ דִיר צוּגֶעזָאגְט, קָאךְ עֶם אוֹיף בַּייא נַאכְט, טְרִינְק

עם אוים און דעק דיך גוט איין — דיא נעם א זאלב צו דיין וואונד וואש עם אוים וויא איך האב דיר געוויזען און שמיר עם אן — און דיר א פולווער עם וועט דיך נישט מעהר פיבערן (אלע שטרעקען דיא הענד וואס, איהר בעט הילפע? נעמט אליין וויפיעל איהר דארפט (גיט זייא א זעקעל מיט געלד) איך צעהל נישט וויפיעל מען גיט מיר, און איך וועל נישט רעכנען וויפיעל מען נעמט ביי מיר צו, גאט דער אלמעכטיגער זאל אייך אלע שיטצען אונד זעגנען!

(ער געהט, קאמט צו גיאזעפע שטיל וועהרענד)

גיאזעפע: דער סימן איז יצמ״כ ה״כ און דער ענפער איז בה״כ — היילינג היילינג איז גאט דער פעלדהער פיעל איז די גאנצע וועלט מיט זיינע היילינקייט אמן. (אב).

אלע: (אבגעהענד) אונזער היילינער, אונזער גוטער פאטער אמבראזיע! (אב)

גיאזעפע: איך האב דעם סימן (קוקט זיך אים) חזיר דיר גוט אן יצמ״כ ה״כ ביה״כ קום וועל איך דיך לערנען א גאנצען וועג.

יואנא: (ווידערהאלט) יצמ״כ ה״כ לה״כ.

גיאזעפע: פערשטעהסטו דאס איז ראשי תיבות, יצמ״כ מאכט ד׳ צבאות מלא כל הארץ כבודו דאס דארפען מיר זאגען, און ענפערן וועט מען אונז בה״כ דאס הייסט ברוך הבא בשם ד׳ (שפאניער געהען פארבייא קוק אויף מיר נישט אויף זייא אז נישט וועסטו פערגעסען דעם סימן!

יואנא: איך האב דעם סימן יצמ״כ ה״כ בה״כ (ביידע אב).

פערוואנדלונג.

(עמק הארזים בערג. צווישען דיא בערג פערבארגען א שוהל אויף דער שוהל א בארג צום געהען א געהיימע מיר צו עמק הארזים און א געהיימע טיר צו דיא שוהל).

(רובין זיצט אויף א נידריגען בארג).

מרים: (זינגט אונטער די קאליסען).

בעפאהר איך פאנג אן צו דיר גרויסער גאט
היט מיך און שיטץ מיך פון שאנד און שפאט.
איך געה מיר גאנץ אליין צווישען דיא בערג,
איינע אליין... און זינג דאס ליעד צו גאט.

נאָר יעצט — אַהאַ האַ יאַ נאָר צו דיר,
בעפֿאָהר איך דיען צו דיר גרויסער גאָט,
היט מיך און שיטץ מיך פֿון שאַנד און שפּאָט,
אַהאַ איך זאָג נאָר צו דיר,
אונד בלייבע היער.

רובין: יום טוב היינט חג השבעות נישט צו פערזינדיגען אונזערע בני ישראל וועלכע זענען געצווינגען דאָרט אין דער גרויסער וועלט צו לעבען — אַלס אַנדערש גלייביגע זענען דא אין עמק הארזים יודען נישט צו פערזינדיגען — דאָרטען אָבער זענען זיא נישט צו פערזינדי־גען פֿריעסטער, אפּציערע, הויכע בעאַמטער, דאַ פּשוטע בני ישראל, היינט וועלען זיך דאַ אַלע פֿערזאַמלען און עס וואָלט געווען אַ גרויסער יו״ט ווען דער בעל הבית פֿון עמק הארזים, אונזער ברודער דאָן הענריקא דע מעדווע וואָלט געווען געזונד, אוי! אויב ער וועט חלילה שטאַרבען, וואָס וועט זיין פֿון זיין איינציגע טאָכטער מרים? (מרים זינגט) זיא זינגט זיך אקדמות מילין, פֿאַר איהר אַלטען קראַנקען טאַטען.

(מרים ערשיינט מיט 2 קרענץ בלומען איינען טראגט זיא אריין אין שיהל אויף דעם ארון קודש דעם צווייטען אין דיא האנד).

רובין: גוט יום טוב מרים לעבען!

מרים: גוט יום טוב רובין איך האָב דעם פֿאָטער צו געזאָגט דאָס צו ליעב אונזער גרויסען יום טוב וועל איך פֿרעהליך זיין, און יעל מיט בלומען פֿערציערען אונזער הייליג בית תפילה איך האָב עס געטהון, ועהסטו איך האָב מיט מיינע הענד צוויי קרענץ בלומען געפֿלאָכטען, איינעם האָב איך געלעגט ביים ארון קודש דעם צווייטען וועל איך לעגען אויף דער מאַמעס קבר — רובין געה צום פֿאָטער איך וועל דא אַליין בלייבען.

רובין: מרים ביזט אַ גוטע כשר׳ה טאָכטער נישט צו פערזינדיגען (אב).

מרים: אַ כשר׳ה יודישע טאָכטער! גאָטיניו גיב מיר קראַפֿט צו זיין אַזוי (געהט אויף בערג צום קבר) מאַמע, דיין טאָכטער, האָט צוליעב דעם יו״ט דיר אַ קראַנץ געבראַכט, אויב דוא זעהסט מיך יעצט פֿון דיא הויכע הימלען אויב דיא ועהסט מיינע טרערען מיינע וייפֿצע, בעט גאָט פֿאַר

מִיר — בֶּעט ווייל איך דַארְף הִילְפֶע אוּנד שוּטְץ, מַיין אַלְטֶער פַאטֶער דַיין גֶעלִיעבְּטֶער מַאן איז קְרַאנְק און שְׁוַואךְ, אִיךְ בִּין אֵיינֶע אוּנְגְלִיקְ־לִיכֶע וִוינְדֶערִין.

(זיננט א טרויריג ליער פאלט אויף דעם קבר און וויינט, אינצווישען הערט זיך זינגען אונטער די קאליסען פרעהליך, שטעהט אויף ערשראקען און זינגט).

מרים: (זינגט) מוּטֶער דַיין קִינְד רֶעד צוּ דִיר

דִיא קְרֶענְצֶע פוּן פְרִישֶׁע בְּלוּמֶען,
הָאבּ אִיךְ יֶעצְט אוֹיף דַיין קֶבֶר גֶעבְּרַאכְט,
בֶּעט פַאר מִיר דֶעם אַלְמֶעכְטִיגֶען פַאטֶער,
דַיינֶע הִילְפֶע מוּז מִיר יֶעצְט צוּר הִילְפֶע קוּמֶען,
אָה! גוּטֶע מוּטֶער, דַיינֶע אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער,
אִיז אַלֵיין אוֹיף דִיעזֶער וֶועלְט, בֶּעשִׁיטְצֶע מִיךְ,
וֶוען אִין דֶען קִינְדְהֵייט טַאגֶען,
גֶעוִויגְט הָאסְטוּ מִיךְ, מִיט דַיין לִיעד,
מִיךְ גֶעהִיט הָאסְטוּ וִויא אַ אוֹיג אִין קָאפְּף,
גֶעוֶוען בִּין אִיךְ דַיין אֵיינְצִיגֶער טְרֵייסְט און פְרֵייד,
אַ מוּטֶער! אַצִינְד בִּין אִיךְ אַלֵיין,
דִיא גֶעגֶענְד אִיז רֵייצֶענְד שֶׁעהן,
אוֹיף יֶעדֶען טְרִיט און שְׁרִיט וֶוערְט מֶען גֶעפְּרִיבְט,
אָה מוּטֶער מַיינֶע! דַיין קִינְד רֶעד יֶעצְט צוּ דִיר,
זַיא רֶעד צוּ דִיר שְׁטֶעה מִיר בֵּייא (4 מאהל).

סעבאסטיאן: (זינגט אונטער די קאליסען)

אַ מֵיין צַארְטֶעם בִּילְד לִיעבֶע פָאן קַאסְטִילְיֶען,
אִין גֶעבִּירְגֶע בִּיזְטוּ שֵׁיין מֵיינֶע צַארְטֶע בְּלוּם,
אִיךְ קוּם אַהֶער צוּ דִיר,
בֶּעגְרִיסֶען דִיךְ מִיט פְרֵיידֶע,
מֵיין לִיעד קְלִינְגְט מִיט לִיעבֶע,
אַ מֵיין לֶעבֶען הֶערְסְט מִיךְ יֶעצְט,
דִיא שְׁטְרַאהלֶען דֶער זָאנֶע,
דִיא הִימְלֶען דִיא בְּלוּיֶע,
אָה! פֶערְצוֹיבֶּערְטֶע וֶועלְט!

מרים: ווער זינגט עס דארט? וועמעס שטימע קלינגט דארט אין דיא געבירגע?

סעבאסטיאן: (זינגט) אה, פון אויפ'ן בארג, געטליכע, מיין הערץ, פיהרט מיך אהער (נאך געזאנג ערשיינט סעבאסטיאן).

מרים: (פראזא) א, סעבאסטיאן, איך בעגרייף נישט וויא אזוי האסטו געקענט אהער קומען?

סעבאסטיאן: דיא ליעבע האט מיך אהער געבראכט און מיין הערץ האט מיר דעם וועג געוויזען, אצינד האב איך דיך אליין געפונען.

מרים: דיינע שטארקע ליעבע האט מיך ערשראקען, און געצוואונגען צו פליהען פון דיר.

סעבאסטיאן: אין דיזעלבע ליעבע וועט דיך אצינד נאך סעגאווא בע־גלייטען! מאריע, איך וועל דיך צום אלטאר אלם מיינע פרוי פיהרען, אונזערע הייליגע, ליעבע קירכע וועט אונזער באנד פיר אימער פעראייניגען.

מרים: אונזער הייליגער טעמפעל! א, סעבאסטיאן, איך צווייפלע נישט אין דיר, איך ווייס דוא ביזט א עהרענמאן, אבער גאט איז מיין צייגע, איך קען דיינע פרוי נישט זיין!

סעבאסטיאן: ווארום דען! ליעבסטו מיך דען נישט?

מרים: סעבאסטיאן! ניע וואר איין געליעבטער פון קאסטיליען זא געליעבט וויא דוא!

סעבאסטיאן: וואס דען קען אונז הינדערן גליקליך צו זיין? — האסטו שוין פיליכט איינעם אנדערן דיינע האנד פערשפראכען?

מרים: ניין! אבער דוא דארפסט מיך ניע זעהען, דוא מוזט פון דאנען אוועג געהן וואס שנעלער, יעדע מינוט וואס דוא ביזט דא, ברענגסטו מיך אין פיעלע אנדערע געפאהר און אונגליק — א, סעבאסטיאן! געה, געה אין פריעדען דוא וועסט מיך געוויס פערגעסען דוא האסט אויפגאבען אין דיין לעבען און איך... מיר בלייבען טרערען און געוויסע הייליגע פפליכטען!

סעבאסטיאן: איך פערשטעה, דוא געפינסט דיך אין דער מאכט פון שלעכטע מענשען איך וועל דיך בעפרייען...

מרים: דוּא דאַרפסט מיך נישט בּעפרייען, איך בּין פרייא.

סעבאַסטיאַן: דוּא בּיזט פרייא? דוּא האָסט קיינען אַנדערען דיין האַנד פערשפּראָכען דוּא ליעבּסט מיך אוּנ קענסט מיינע נישט זיין; ווי זאָל איך דאָס פערשטעהן?

מרים: שווער מיר אַז דוּא וועסט קיינעם נישט ענטדעקען וואָס איך וועל דיר פערטרויען.

סעבאַסטיאַן: איך שווערע דיר!

מרים: איך קען דיינע פרוי נישט זיין ווייל... ווייל איך געהער צוּ אַ אַנדערען גלויבען!

סעבאַסטיאַן: וואָס! דוּא געהערסט נישט צוּ אוּנזערער היילינגען קירכע?...

מרים: ניין...

סעבאַסטיאַן: נוּן דאָס איז נישט אַזוי וויכטיג אַנדערסגלייבּיגע בּיזטוּ אוּנ דאָך...

מרים: איך בּין קיינע אַנדערסגלייבּיגע נוּר איינע יוּדין!

סעבאַסטיאַן: מיין גאָט דוּא בּיזט אַ יוּדין אָדער ווען דוּא ליעבּסט מיך אוּפריכטיג, קען דיין גלויבען אוּנזער גליק נישט שטערען, אַנדערס-גלייבּיגע זאָלסטוּ ווערען אוּנ זאָלסט מיינע פרוי זיין.

מרים: סעבּאַסטיאַן! טייערער פוּן מיין לעבען בּיסטוּ מיר. טייערער פוּן אַלע מיינע געפיהלע איזט מיין ליעבע צוּ דיר. אוּנ דאָך וועל איך ניט צוּליעב דיר אָפּפערען מיין היילינג גלויבען פוּן מיינע עלטערן, דיינע פרוי וועל איך ניט זיין. יוּדין בּין איך געבּאָרען אוּנ יוּדין וויל איך שטערבּען!

סעבאַסטיאַן: ניט, זאָגסטוּ, ניט! קיינע האָפנוּנג? קיינע ערוואַרטוּנג? אַלעס פערלאָרען, אַלעס פערשוואוּנדען פיר אימער (קניעט) אַ מאַריע!

מרים: זייא נישט אַזוי פערצווייפעלט איבּער מיינע ליעבּע, אָדער וועה דאָרט איזט דאָס גראַבּ מיינער גאָטטזעליגער מוּטער בּייא דיעזעם גראַבּ, שווערע איך, אַז איך קאָן דיר נישט געהערען, זאָל איך קיינעם אין דער וועלט געהערען.

סעבאַסטיאַן: אוּנ איך שווער דיר בּייא דיא בּלויע הימלען אַז דיא בּלייבּסט מיין איינציג גליק בּיז אין דער לעצטען מינוּטע מיינעם לעבּענס (געוויש).

מרים: איך הער מען קומט. ווערסטו געפינען דעם וועג אין דיא געבירגע?

סעבאסטיאן: אהער האט מיך געפיהרט דער שטערן פון מיין גליק, צוריק וועט מיך פיהרען דער גייסט פון פערצווייפלונג. לעבע וואהל — לעבע וואהל! (ער קלעטערט אויף דיא געבירגע און שרייט לעבע וואהל. אב).

מרים: מיינע זעעלע איז אצינד מיט דיר אין דיא געבירגע — —

רובין: (פיהרט אריין מענדוזען מרים'ס פאטער, אלט, קראנק) זעה נור, מרים, ווער שפאצירט דאס דארט? נישט צו פערזינדיגען.

מענדוזע: מרים, וואו ביזטו מיין קינד?

מרים: דא בין איך פאטער! (זיא פיהרט איהם).

מענדוזע: ביזט אזוי לאנג געבליעבען אהן מיר, איך בענק שוין נאך דיר קום אהער מיין קינד, מיר וועלען ביידע אביסעל זיצען אונ רעדען (זייא זעטצען זיך ביידע נעבען פאװילאן פון דער שוהל).

רובין: וואס איז דאס וואס אונזערע קלויבען זיך אזוי שפעט, נישט צו פערזינדיגען (אב).

מענדוזע: ענדליך איז געקומען דיא גליקליכע צייט ווען איך קען שטארבען, אהנע צו זארגען וואס עס וועט מיט מיר זיין. מרים, דוא וועסט אליין נישט בלייבען, דיך וועט בעשיצען דיא האנד פון א בראווען, נאבלען אונ עהרליכען מאן, נאך אלס קינד האט ער דיך אויף זיינע הענד גע־טראגען, אונ אלס פריינד האסטו איהם אימער געליעבט אונ געשעצט, יעצט וועט ער דיין מאן אונ בעשיצער זיין.

מרים: ליעבער פאטער! דוא דארפסט יעצט דערפון נישט רעדען דען עס איז נישט אזוי וויכטיג.

מענדוזע: נישט וויכטיג צו זעהן מיין איינציג קינד פערזארגט בעפאר איך שטארב? ביזט א נאר, מיין קינד, וועסט אין א גוטער שעה חתונה האבען, אונ דאן וועל איך קענען רוהיג שטערבען.

מרים: איך וועל נישט חתונה האבען וועסטו פערשפארען צו שטארבען.

מענדוזע: דוא רעדסט אזוי, ווייל דוא ווייסט נישט ווער דיין חתן איז. ער איז דאן פערנאנדא מאראלעס, גאווערנער פון סעגאוויע. ער וועט דא היינט זיין און נאך היינטע וועסטו זיין פרוי מאראלעס. איז דען דאס נישט א עהרע אונ א גליק?

מרים: עס וועט היינט נישט געשעהן, איך מוז דיר דעם אמת זאגען, איך קען זיין פרוי נישט זיין!

מענדוזע: וואס הייסט דוא קענסט נישט? וועה איז מיר!

מרים: איך ליעב איהם נישט, איך ליעב איין אנדערן און האב איהם געשוואורען איהם טריא צו בלייבען ביז אין מיין טאד!

מענדוזע: האסט דיר אויסגעוועהלט א מאן אהנע צו פרעגען דיין פאטער? מרים מיין קינד! (היסט).

מרים: איך בין נישט שולדיג דאס הערץ וועהלט אליין אהנע צו פרעגען!

מענדוזע: גוט! לאמיך הערען ווער איז ער, איך וויל איהם זעהן בעפאר איך שטארב! איך וויל אויך וויסען ווער איז מיין צוקינפטיגער איידעם.

מרים: ער וועט דיין איידעם קיינמאהל נישט זיין, אזוי ווי איך וועל זיין פרוי נישט זיין, דאך, פאטער, דוא ביזט שוואך — דאס געשפרעך קען דיר נאך שאדען, איך בעט דיך רעד נישט מעהר דערפון — איך שווער דיר איך וועל קיינמאהל נישט הייראטען געגען דיינען ווילען.

מענדוזע: ניין, איך וויל אלעס וויסען, באלד, שוין, בעפאר עס ווערט שפעט (פיהלט זיך שלעכט) ווער איז ער וואס געפעלט מיין מרים, איז געוויס א בראווער עהרליכער יודישער יונגערמאן. —

מרים: צווינג מיך נישט צו זאגען דעם אמת דען עס איז שרעקליך!

מענדוזע: דער שקר איז אבער נאך שרעקליכער, ווער איז ער?

מרים: ער איז א...... אנדערסגלייביגער......

מענדוזע: א אנדערסגלייביגער! (שטעהט אויף פאלט צוריק) אבער ניין, ניין, פערקעהרט, דאס אונגליק איז נאך נישט אזוי גרויס, אויב דיך האלט אב דיא שבועה צו א אנדערסגלייביגען איז דאס א קלייניגקייט — איך, דיין פאטער, בעפריי דיך פון דיין שבועה, דיין אנקעל אמבראזיע, וועלכער איז אונזער רבי אין וועלכען זאגאר דיא אנדערסגלייביגע האלטען פאר א געטליכען, און רופען איהם היילינגער אמבראזיע, דיין אנקעל ווירד דיך געוויס בעפרייען פון דער שבועה!

מרים: יא איך וויים ער קען מיך בעפרייען דיא קענסט מיך אויך בעפרייען אבער איך אליין קען מיך פון מיין שבועה נישט בעפרייען, איך האב געשוואורען און מיין שבועה איז הייליג.

מענדוזע: דוא האסט מיך ערמארדעט! (פאלט אין אונמאכט).

מרים: פאטער, ליעבער פאטער! רובין, וועה מיר, וואס האב איך געטהון

(רובין קומט אריין פיהרט מיט מרים מענדוזען אב).

(גיאזעפע אונ יואנא קומען פון בארג).

גיאזעפע: (אויף דעם בארג געהענד) זעה נור וויא מיעד זיא איזט — איך בין צוויא מאל אזוי פיעל געגאנגען אונ בין נישט געפאלען אונ זיא פאלט פון דיא פים — אוי דיא ווייבער זענען א צעקראכענע נאציע!

יואנא: דיא אלטע האבען זיך ליעב צו בעריהמען.

גיאזעפע: נו, האסטו דעם סימן?

יואנא: אוי, דיין סימן — דיין סימן ער איז נאך פיעל ערגער וויא צו קריכען אויף בערג! (פערשווינדען צווישען דיא בערג, קומען צו דער געהיימען טיר-קלאפען).

(רובין ערשיינט).

רובין: ווער קלאפט דארט אזוי שטארק?

יואנא: יצמ״כ ה״כ בה״כ!

רובין: וואס איז דאס?

גיאזעפע: יצמ״כ ה״כ איז פאר דיעזען נישט גענוג, מען דארף איהם זאגען ד׳ צבאות מלא כל הארץ כבודו!

רובין: אזוי איז גוט! (מאכט אויף דיא טהיר, גיאזעפע און יואנא קומען אריין).

ביידע: גוט יום טוב דיר, רובין, גוט יום טוב! וואס מאכט מען דא ביי אייך?

רובין: א גוט יו״ט, גוט יו״ט, ברוך הבא בשם ד׳, אוי איז דאס צייטען — נישט צו פערזינדיגען — גיאזעפע א יוד, יואנא א יודענע און אונזער אלטער איז זעהר קראנק.

גיאזעפע: קראנק?

יואנא: אונ וואס מאכט מרים?

גיאזעפע: קום, דוא געהסט, אויב דיא געהסט נישט וועל איך אליין אויך נישט געהן. (שרעפט זיא).

יואנא. עס איז א נחת צו האבען א אלטען מאן! א יונגער איז בעז ווען דאס ווייב וויל געהן מיט איהם, אונ א אלטער איז בעז ווען דאס ווייב וויל נישט געהן מיט איהם. יא קום.

גיאזעפע: יא יא מיט מיר דארפסטו געהן, אפילו איך וועל שטארבען וועל איך דיך אויך מיטנעהמען (ביידע אב).

רובין: א ווייבעל איז דאס, נישט צו פערזינדיגען, – דיא זין באקט, און דארט אין דער הויך טראגט א שווארצע״ וואלקען, איך האב מורא היינט וועט זיין א רעגען מיט א שטורם. (מאראלעס קומט פון געבירג.)

מאראלעס: (זאגט דעם שפרוך, קלאפט אין דיא טיר.)

רובין: אה, וואס פאר א שמחה, נישט צו פערזינדיגען, אונזער טרייער, גרויסער דאן פערנאנדא מאראלעס אליין (לויפט א קעגין) ברוך הבא בשם ד׳ (קישט דיא האנד).

מאראלעס: גוט יום טוב, וואס מאכען אונזערע, וויא איז דער אנקעל, וויא איז אונזער שעהנע מרים?

רובין: דער אלטער נעביך איז קראנק, אבער מרים, נישט צו פערזינדיגען (צינד לעכט אין שוהל).

מאראלעס: נו, איך וועל אריין געהן וועט שוין מיט גאטעס הילף אלעס גוט זיין. (אב פאווילאן).

רובין: ער איז אונזער רב ישראל, וועלכען מען רופט יוליאן אמבראזיע. אויף זייא ביידע שטיצט זיך אונזער פאלק וויא אויף צוויא זאלען, דער גאנצער עולם וועט אצינד ווארטען אויף דעם רבי׳ן, ער איז פונקט וויא אליהו הנביא ער איז א שטרענגער, א גוטער און א שטארקער (געהט פאווילאן) וואס איז זייא ווילען שוין אנפאנגען (אב פאווילאן).

(יואנא, גיאזעפע).

יואנא: זאג נור, גיאזעפע, זעהט מאראלעס נישט אוים וויא א אמת׳ער העלד? דאס איז א מאן!

גיאזעפע: איין מאן איז דא אויף דער וועלט, און דאס בין איך, איין העלד, דאס איז גיאזעפע לאפאצאן... קוק נישט.

(מענער, פרויען, מרים מאראלעס פיהרען מענדוזען).

מענדוזע: דאנקען גאט, דיא מאראלעס ביזט געקומען און ישראל וועט אונז מוחל זיין, איך פיהל מיינע לעצטע מינוטען קומען און איך קען לענגער נישט ווארטען, איידער איך שטארב וויל איך נאך א יודישע תפלה הערען.

מאראלעס: אנקעל, פערשטער אונז נישט אונזער פריידע (אלע געהען אריין אין שוהל טהון אן טליתים).

מענדוזע: (ביים עמוד) בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לִקְרֹא אֶת הַהַלֵּל (קאהר זינגט דאס ערשטע קאפיטעל פון הלל דרייא מאל. נאך געזאנג צוריק ביהנע).

מענדוזע: גוט יום טוב שארית ישראל, אונזער איבערגעבליבען ביסעלע יודען, אונגליקליכע פערפאלגטע ברידער — איך פיהל איך געה אוועג פון דער וועלט, פאר מיין טוידט האב איך געקענט מיין איינציגעס קינד מיינע טאכטער... (קאן נישט אויסרעדען).

מאראלעס: ליעבער אנקעל, איהר וועט נאך לאנג לעבען, און איהר וועט זיך נאך אויך אין אונזער גליק פרייען — זייט וויסען, ליעבער אנקעל, דער קעניג האט מיר ערלויבט צו הייראטען, ער ווייסט דאס מיינע אויסערוועהלטע איז דאנא מאריע, די ניכטע פון דאנא איזאבעלא דע קארץ... (עס וויירד דונקעל).

מענדוזע: מיין ליעבער מאראלעס, איך שטארב אונ מרים וועט דיינע פרוי נישט זיין!

מאראלעס: (שטוינענד) װענען מיר דען נישט פון איין פאמיליע? בין איך דען נישט שטענדיג דיין פריינד געוועזען? פערדיען איך דען נישט דיינע אכטונג? מרים!

מרים: מאראלעס, דוא ביזט שטענדיג מיין פריינד געוועזען, איך אכטע אונ עהרע דיך וויא מיין פאטער, איך צווייפעל נישט אב עס איז נאך דא איין עהרענווירדיגער מאן פון דיר, אבער דאך קאן איך דיינע פרוי נישט זיין.

מאראלעס: מרים, פאר וואס דען? שוין זייט פיעלע יאהר איז דאס געוועזען מיינע האפנונג.

מענדוזא: איך וועל דיר זאגען פאר וואס, וויא מיין טאכטער ליעבט א אנ-דערס גלייביגען.

אלע: א אנדערסגלייביגען!

מאראלעס: ווער איז דער וועלכער האט געוואגט מיין גליק צו רויבען? (ציהט א שווערד).

גיאזעפע: קוק אויף מיר וואס ווערסטו מיר געבען, אז איך וועל טרעפען.

יואנא: איך ווייס דוא ביזט א אלטער טראפניאק, נו שא לאמיך הערען.

מאראלעס: ווער איז דער אנדערסגלייביגער?

מענדוזע: פרעג זיא, דיא אונגליקליכע. (אמבראזיע קלאפט, מען עפענט מיט שפרוך)

אלע: אונזער הערר!

מענדוזע: א! ישראל גאט האט דיך אהער געשיקט, וואס זאגסטו צו מיין אונגליק זיא ליעבט א אנדערסגלייבינגען, און האט איהם געשוואָרען עווינ א מיידעל צו בלייבען.

אמבראזיע: מרים איך בין דיר דיין שבועה מבטל.

מענדוזע: זעהסט... אבער... זיא... אוי... איך שטארב! (פאלט, מרים מיט אמבראזיע שטיצען איהם).

אמבראזיע: דיין פולס איז זעהר שוואך, דיין אטעם געהט איהם אוים מרים ער שטארבט...

מרים: (שרייט) פאטער ליעבער פאטער פערלאז מיך נישט, ערבארמע דיך איבער מיך, איך וועל עווינ דענקען אז איך האב דיך געטעטעט.

מענדוזע: אויב דוא ווילסט דיא זינד פון דיין קאפף אראב נעהמען, אויב דוא ווילסט איך זאל צו מיר אין קבר נישט מיטנעהמען א שנאה אויף דיר, אויב דוא ווילסט נישט איך זאל שטארבען שעלטענדיג דיין נאמען, פעראייניג דיך מיט מאראלעסין בעפאר איך פערשליעס מיינע אויגען אויף תמיד. (אלע וויינען)

מרים: גאט אין הימעל! וועט מאראלעס מיר דעו פערגעבען? (אמבראזיע ועצט מענדוזען אויף).

מאראלעס: גאט איז מיין ציינע וויא שווער מיר איז צו וויסען אז דוא ביזט געצווינגען יעדאך וועל איך טראכטען דיין ליעבע אונד דיך אין אכטונג פיר מיר צו געווינען.

מרים: עס זאל געשעהען (צו מאראלעס שטיל) אבער געדענק מאראלעס, איך האב געשוואָרען ניע אין מיין לעבען איינעם אנדערען מאן צו געהערען (לויט) פאטער דיין ווילע זאל געשעהען!

מענדוזע: ליעבער ישראל איילע דיך צו, דיא צייט איז קורץ (מען מאכט צערעמאניע חופה).

אמבראזיע: (זינגט מיט קאהר, נאך געזאנג. פראזא) **אַצִינְד פְרֵיינְד מַארַאלֶעם קֶענְסְטוּ דַיינֶע אוֹיסְעֶרְוֶועלְטֶען דֶען עֶרְשְׁטֶען בְּרוֹיט קוֹם גֶעבֶּען.**

(מאראלעם קישט מרים'ס שטערן).

אמבראזיע: (געהט צו מענדוזע) **נוּן לִיעבֶּער אֶנְקֶעל אִיהר קֶענְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער אַייעֶר וֶועגֶען גֶעבֶּען.**

מענדוזע: (גאנץ לייזע שוואך) **יְבָרֶכְךָ ד׳ וְיִשְׁמְרֶךָ... שׁ... שׁ... יִשְׂרָאֵל!**

(פאלט שטארבט).

אמבראזיע: (פאלט אויף זיין קערפער נעמט זיין האנד) **בְּרִידֶער! אוּנְזֶער שׁוּפֵט אִיז נִישְׁט מֶעהר מִיט אוּנְז, גָאט הָאט אִיהם צוּגֶענוּמֶען, ד׳ נָתַן ד׳ לָקָח — בָּרוּךְ דַיָן אֱמֶת!**

אלע: **בָּרוּךְ דַיָן אֱמֶת** (אלע וויינען און קניען. קאהר זינגט מעלאדראמא).

(פָאָרְהַאנג).

(ענדע דעם ערשטען אקטעם).

II אַקְט.

(גארטען ביים קעניג, דורכזיכטיגער זאַל זיטצען קעניגליכע געסט רעזערווירטע טישען).

גיאָזעפע, יואנא, דיענער.

גיאָזעפע: (צום דיענער) שַׁא שְׁטִיל דִיךְ נִישְׁט אַזוֹי וִוילְסְט וִויסֶען וָואס פַאר אַ רֶעכְט אִיךְ הָאבּ דוא צוּ זַיין — אַ שֶׁעהנֶע פְרַאגֶע — עֶרְשְׁטֶענְס אִיךְ אַלֵיין פַאר זִיךְ בִּין אוֹיךְ עֶפִּים קַיין קְלֵיינִיגְקַייט עֶס קֶען זַיין אַז מַיין זֵיידֶע אִיז גֶעוֶועהן עֶפִּים אַ שְׁפַּאנִישֶׁער עֶדֶעלְמַאן, אִיבֶּערְדֶעם בִּין אִיךְ דָאן גִיאָזֶעפֶּע לַאפַּאצָאן, אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען וִויא אַ רֶעכְטֶער שְׁפַּאנִישֶׁער עֶדֶעלְמַאן, צְוֵוייטֶענְס... עֶה רִיק דִיךְ אַ בִּיסֶעל אַוֶועק פוּן מַיין וַוייבֶּעל אִיךְ מֶעג קוּקֶען אִין פֶענְסְטֶער פוּן דְרוֹיסֶען וִויא אוּנְזֶער אַמִיזִירְט זִיךְ, דְרִיטֶענְס זַייא וִויסֶען אַז דֶער הֶעלְד פוּן דֶעם הַייטִיגֶען פֶעסְט דֶער בֶּערִיהמְטֶער דָאן סֶעבַּאסְטִיאַן דֶע סֶעווִילָא אוּן אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ זֶענֶען לַייבְּלִיכֶע... דָאס הַייסְט מִיר זֶענֶען לַייבְּקְנֶעכְט.

יואנא: שַׁא, הֶער אוֹיף דִיא אַלְטֶער הִיהנֶער פְרֶעסֶער שְׁטֶעל דִיךְ אִין אַ זַייט פֶּעטְרִיקָא גְרַאצְיֶע קוּמְט (אב אין א זייט).

(גראציע).

גראציע: וָואס מֶעהר אַנְדֶערֶע אַמִיזִירֶען זִיךְ, דֶעסְטָא עֶרְגֶער פִיהל אִיךְ מִיךְ, וָואס מֶעהר פְרֶעהלִיכֶע גֶעזִיכְטֶער אִיךְ זֶעה אַרוּם מִיר, דֶעסְטָא מֶעהר וָועט מַיין פֶערְלַאנְג צוּ זֶעהֶען זַייעֶרֶע טְרֶערֶען אוּן זַייעֶרֶע עֶרְנִיעדְרוּנְג דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער פוּן אַלֶע אִיז הַיינְט דֶער גָאבֶּערְנֶער פוּן סֶעגָאוִוא מַארַאלֶעס, אוּן עֶר זָאל אוֹיךְ דֶער אוּנְגְלִיקְלִיכְסְטֶער זַיין, וֶוער אִיז דֶעם קֶענִיגְ'ס אֵיינְצִיגֶער רַאטְהגֶעבֶּער? מַארַאלֶעס — מִיט וֶועמֶעס פְרוֹי גֶעהט דִיא קֶענִיגֶען אַרוּם גֶעאַרְמְט? מִיט פְרוֹי מַארַאלֶעס — אִיז זִיא טַאקֶע בֶּאֱמֶת אַזוֹי טְרֵייא אִיהרֶען מַאן, אָדֶער אִיז אִיהרֶע טְרֵייהַייט

נור איין מאנטעל אונטער וועלכען עס איז פערבארגען א יונגער ליעב־האבער! איך וויים ווען א פרוי איז קאלט אונ גלייכגילטיג איז עס ניט וויייל זיא איז היילינג אונ טריי. ניין, עס איז נור דערפאר ווייל זיא האט איינען אין א אנדערער געוועלשאפט — ארמע פרוי, זיא פיהלט נישט דאס נישט לאנגע וועט זיא שטאלציערען מיט איהר מאנ'ס נאמען, נישט דער קעניג נישט דיא גרעסטע מאכט ווירד איהם העלפען קענען, דאס געהיימע טריבונאל האט איהם צום טאד פערארטיילט. ער איז איין פערדעכטיגער מענש, אונ דיא קירכע האט בעשלאסען דעם קעניג פון זיין איינפלוס צו בעפרייען (ערבליקט דיא דיענערשאפט) דיא דיענערשאפטען פלאפלען וועהר אפט אוים אינטערעסאנטע זאכען. (פערשטעקט זיך).

יואנא: גיאזעפע, וויא ביזטו? קום אהער, קינדערליך אויב איהר וועט קיינעם נישט דערצעהלען וויים איך א סוד. איהר וויים דיא שעהנע מאריע מאראלעם דעם גובערנערס פרוי, וואס זאל איך אייך זאגען, זיא רופט זיך נור זיינע פרוי, אבער אין דער ווירקליכקייט... שא, מיר האבען זיינע דיענערשאפט דערצעהלט, אז ער האט א בעזונדער שלאפ־צימער, גאר נישט, זאל גאט היטען, נור אזוי וויא פרעמדע.

גיאזעפע: א, ביא מיר וואלט זיא א מכה אויסגעפיהרט אזאלכע זאכען.

יואנא: ער האט זיא לייב דערפאר פיהרט זיא אוים, מען זאגט זיא האט געשוואוירען, און דערפאר איז זיא וויא א היילינגע, מאראלעס האט גע־רופען דעם פאטער אמבראזיע, אבער וואס וויים א היילינגער צו אזעלכע זאכען?

גיאזעפע: אט בין איך כמעט אויך אזוי וויא א היילינגער פון דעסטוועגען (צום דיענער) עה, וויא האלסטו דיין עלענבויגען? ס'איז דיר דיא אויגען ארוים געקראכען (אויפטריט אפיציר אין זאל).

אפיציר: עה, איהר לומפען פארט, פארט פון פענסטערן (טרייבט אללע וועג אליין אויך אב).

(מרים).

מרים: איך וויל א ביסעל פרישע לופט געניסען, איך פיהל נישט גוט אבער קיינער טאר דערפון נישט וויסען (אפיציר אב) וויא ערשטוינט איז ער געבליעבען ווען דיא קעניגין האט מיך איהם פארגעשטעלט אלס דעם

גאווערנערס פרוי. זיינע אויגען האבען געברענט. זיינע בליקען האבען געשטאכען וויא שארפע שפיזען, גאט פערגיעב מיר. מיט יעדען בליק האט ער מיין הערץ פערוואונדעט, אונ יעדע וואונדע האט מיר געזאגט דאס ער ליעבט מיך. (אויפטריט גראציע).

גראציע: מאדאם... ענטשולדיגט, וויא פרייט עס מיך אייך היער צו זעהן גאנץ אליין, ערלויבט מיר אייך אנביטען מיין ארם!

מרים: ניין, ניין, דאנקע.

גראציע: וויא עס אייך נור בעליעבט איזט, שעהנע דאמע, דארפט איהר נור בעפעהלען!

מרים: ווירדיגער דאן גראציע איך בין יעצט נישט אויפגעלעגט קאמפלי־מענטע צו הערען...

גראציע: איך בין פיליכט דער מענש וועלכער האט פיינד צו שמייכלען אונ מאכען קאמפלימענטע, איך מיין עס ערנסט מאדאם, איך זאג אייך מאדאם, איהר זייט איינע זעלטענע שעהנהייט.

מרים: ניכט צור קעניגין נור צו שקלאווען מאכט אוים אפט דיא שעהנהייט.

גראציע: דיא בעסטע גאבע גאטעס איז דאך דיא שעהנהייט.

מרים: שעהנהייט איז א פלאגע מיט וועלכער גאט שטראפט דיא פרויען, שעהנהייט איזט אונז נור דאדורך געגעבען, אום דאמיט דיא מענער אונז קיינע רוהע געבען זאלען, יעדער פרעכער קערל זאל אונז פער־פאלגען קענען מיט זיינע ווילדע בליקען אונ יעדער נאר מיט זיינע דומע ווארטע!

גראציע: ווייסט איהר מאדאם ווער פאטריקא גראציע איז? האט יעמאנד אין קאסטיליען געוואגט צו זאגען אז פאטריקא גראציע דום אדער פרעך איזט, און אונבעשולדיגט געבליעבען, אבער זייט רוהיג אייך איז אלעס ערלויבט. איהר דארפט קיינע בעסערע בעווייזע, אייער שעהנ־הייט צווינגט מיך אייער טרייעסטער אונ ערגעבענסטער צו זיין, ביי פיעלע שווירינקייטען ווירד אייך מיינע פריינדשאפט ביישטעהן, איך וועל אייך רעטען פון געפאהר...

מרים: געפאהר? — שווירינקייטען?

גראציע: ששש... אייערע אונגעוועהנליכע פערהעלטניסע מיט אייער געמאהל אונ יעצט ווען סעבאסטיאן דע סעווילא איז צוריק געקומען!...

מרים: דאָס ווייסט איהר דען פון אונזערע פערהעלטניסע, וואָס מיינט איהר דאמיט?

גראציע: איך מיין גאָר נישט, מען דאַרף גאָר נישט זאָגען, איך ווייס אַלעס און איהר קענט מיר אַלעס אַנפערטרויען, מרים, איך ווייס איהר זענט יעצט אין אַ גרויסער פערלעגענהייט, אָבער האָט איהר מיינע האַנד איך וועל אייער בעשיצער זיין.

מרים: איהר, מיין בעשיצער...?

גראציע: יאָ, איך אייער בעשיצער, און דערפאַר פאָדערע איך גאָר נישט איך בעטעל נור וויא אַ אַרמער בעטלער שענקט מיר אַביסעל אויפמערקזאַמקייט!

מרים: אויפמערקזאַמקייט! — מיין הערר איך קען יעדען בעטלער קליין געלד שענקען, אָבער נישט אויפמערקזאַמקייט — סעניאָר גראַציע, מיין איינציגער פריינד און בעשיצער איז מיין מאַן פערנאַנדאָ מאַראַלעס.

גראציע: אָ, פערנאַנדאָ מאַראַלעס וועט נישט לאַנג דיין בעשיצער זיין (זיא ריקט זיך אב) איך פערשטעה דוא ווילסט איך זאָל דיך פערלאָזען ווייל דוא ערוואַרטעסט איהם, נו, און איהם וועסטו נישט אַרויסטרייבען ער איז געזונד, יונג, פרעך, זאָלכע בעטלען נישט ביא דען פרויען אויפמערקזאַמקייט, ניין, ניין, פערקעהרט. אָ, איהר פרויען איהר פעראַכטעט דעם וועלכער בעטעלט, איהר ליעבט דעם ווער עס בעפעהלט (געהט אב פערשטעקט זיך).

(מרים אין זאלכער שטעלונג מען זאל זיא נישט זעהן).

(סעבאסטיאן).

סעבאסטיאן: דאָרט צווישען דיא פרעהליכע געסט שטיקט, זייערע פרעהליכע שטימען מאַכען מיך קראַנק, זייער לוסטיגקייט פערוואונדעט מיין הערץ, קיינע מענשליכע געזיכטער זעהע איך — נור אויפגערעגטע טיערע, וועלכע פערפעסטען דיא לופט מיט זייער פאַלשקייט, אָבער וואָס קען איך פון זייא ערוואַרטען, ווען זאַגאַר דיא וועלכע איך האָב פאַר אַ ענגעל געהאַלטען (מרים קומט נישט ווילענדיג אריין, ער ערבליקט זיא) אָ, מאַדאַם, איהר זענט גאָר דאָ? און איך האָב געגלויבט דאָס מיינע אַנוועזענהייט האָט אייך צוריקגעצויגען נאָך אייער געמאַלם היים... אין דעם שלאָס פון דעם גאָווערנער זענט איהר זיכער...

מרים: איך זוך קיינע זיכערהייט. איך האב מיך נישט גוט געפיהלט און האב געזוכט פרישע לופט.

סעבאסטיאן: א יא, דיא פרויען, איך וויים זיי זוכען עפעס נייעס! עפעס פרישעס!

גראציע: (קומט נעהער, אפארט) געליעבטע פאנגען נור אן מיט קריעג, אבער נאך דעם עם שאדעט נישט, דער גליקליכער געמאהל זאל דיא שלום סצענע ביווואהנען (אב).

מרים: איך וויים, איהר האט איבער מיר א שלעכטע מיינונג, יא איך האב עם פערדיענט.

סעבאסטיאן: איינע שלעכטע מיינונג פון איהרע עקסעלענץ, פון דעם הערר גאווערנער'ם געמאהלין, בעוואהרע מאדאם, איך מוז צוגעבען אלם יודישע טאכטער האט איהר פראקטיש געהאנדעלט, מאראלעס איז דער רייכסטער מאן אין קאסטיליען, דעם קעניגם פערזענליכער פריינד אונ דערצו גאווערנער פון סעגאוויא, איהר האט זעהר א גוט געשעפט געמאכט הא הא הא מאדאם, גראטולירע איהר האט ביא דיעזעם שאכער מאכער געווים א שעהנען פראפיט געהאט.

מרים: איך קען גאר נישט זאגען, ענטשולדיגט איך מוז געהען, מיין געמאהל ערווארטעט מיך געוויס (וויל געהען).

סעבאסטיאן: עס מאכט נישט אוים, איהר הערר געמאהל קאן ווארטען, איך האב מעהר געווארט.

מרים: וואס פערלאנגט איהר פון דער ארמער אונגליקליכער מרים?

סעבאסטיאן: אונגליקליכע ארמע פרוי.

מרים: ווען איהר זאלט קענען זעהן וואס מיין הערץ פיהלט, וואלט איהר אפשר געהאט מיטלייד מיט מיר.

סעבאסטיאן: און וואס מיין הערץ פיהלט, — ווייסט, וואס איך האב גע־פיהלט ווען איך האב דיך געמוזט פערלאזען, אונ וואס האב איך גע-פיהלט ווען איך האב דיך דא אונערווארטעט בעגעגענט? מיטלייד זוכסטו, דוא אונהערציגע, ווייסטו וואס איך האב געליטען אונ ערטראגען, וואונדער פון טאפפערקייט האב איך אין סיציליען געצייגט, ווייל איך האב געהאפט מיין רוהם ווירד דיך ערפרייען, מיט זיסע האפנונגען

האב איך פון קריעג צוריקגעקעהרט. און וועה! וואס האב איך ער-
ווארטעט, וואס האב איך געטראפען? (וויינט).

מרים: סעבאסטיאן, יעדער טרער פון אייך פאלט אויף מיין אונגליקליכען
קאפף וויא א שווערער שטיין, אבער רעדען איזט יעצט איבריג.
(וויל געהען).

סעבאסטיאן: דוא האסט ביים גראב פון דיינער מוטער געשווארען דוא
זאלסט קיינעם מאן אנגעהערען.

מרים: יא, איך האב געשווארען און מיין שוואר איז הייליג.

סעבאסטיאן: שפיעל דאך קיינע קאמעדיע פאלשעס וייב!

מרים: איך האב געשווארען איך זאל קיינעם געהערען און דאס איז הייליג.
גאט אין הימעל איז מיין צייגע, איך בין געוועהן —

סעבאסטיאן: דוא ביזט געוועהן געצווינגען דיינע פרוי צו ווערען, נישט
אוים פרייעם ווילען?... בלייבט מיר יעצט נור איינס איבריג, איך
וועל דעם געמיינען שופטען אויף דועל פאדערן און איהם וויא א הונד
נידערשלאגען.

מרים: (קניעט) ניין סעבאסטיאן, טהו עס נישט, טעטעסט איהם וועלען דיר
עס דיא הימלען נישט פערגעבען — סעבאסטיאן, איינס האסטו מיר
דיינע ליעבע געשענקט, שענק מיר היינט דיינע גנאדע.

סעבאסטיאן: גוט, אונטער איינער בעדינגונג דיא מוזט מיר איינע פראגע
בעאנטווארטען (גערויש) יעמאנד קאמט איך האב דיך געוואלט פרע-
גען (פערשטעקט זיך וועהרענד פון זאל קומט).

(מאראלעס, גראציע, דאן אמבראזיע)

מאראלעס: איך בין אייך בערייט אויסצוהערען מיין פריינד פאטריקא
גראציע.

גראציע: יא-וואהל ליעבער פריינד איך דארף אייך וועהר נעהטיגעס
ענטדעקען.

אמבראזיע: (בעריהט מאראלעס'ן) ברודער מאראלעס א אויגענבליק.

גראציע: א פאטער אמבראזיע אייער וועגען דארף איך הייטע.

אמבראזיע: גאט זאל דיך בעלאהנען פיר דיינע גוטע טהאטען וויא דוא
האסט דיר פערדיענט.

גראציע: אייער זעגען האט בייא מיר איינען דאפעלטען ווערט אייערע שטימע ערוועקט אין מיר נאך מעהר אייפער און געפיהל פון ראכע פאטער אמבראזיע, עס איז מערקווירדיג אייערע שטימע דערמאנט מיך אימער אין איין שרעקליכער נאכט ווען א מערדערישער געצער האט אויסגעשריען, פאר מיין פאטער אונ פאר מיין אנקעל, עס איז איינם פון מיינע לעבענסגעהיימניסע.

אמבראזיע: זאל מיינע שטימע אייך אויך דערמאנען אין מיינע טהאטען (פיהרט מאראלעס אין א זייט שטיל) פארזיכטיג, געה נישט אהנע געוועהר, דיך דראהט געפאהר, גיב אבאכט, דיא האנד פון הייליגען טריבונאל מארדעט אין געהיים (געהט צו פאטריקא) פאטריקא גראציע, געדענקט איהר מיינע שטימע זא פערגעסט אויך נישט מיינע טהאטען (אב).

גראציע: יא דיינע טהאטען זינד ווירקליך גראס אונ האבען דיך צום הייליגען געמאכט, ווען נישט דאס... אבער ווארום פיהל איך צו דיר קיינע סימפאטיע?...

מאראלעס: אלזא פריינד גראציע וואס האט איהר מיר צו זאגען?

גראציע: פריינד מאראלעס, עס האנדעלט זיך וועגען אייערע עהרע, איך וויים איהרע פרוי, שטעהט געווים העכער פון יעדען אין פערדאכט אבער קענט איהר דען יונגען אפיציער סעבאסטיאן דע סעווילא (גערויש) ש', מען קומט (פערשטעקען זיך וועהרענד סעבאסטיאן אונ מרים ערשיי-נען אויף דער ביהנע).

מרים: יעצט סעבאסטיאן מיסען וויר שיידען.

סעבאסטיאן: א מאריע, דוא ביזט איין ענגעל, איך וואגע ניכט דיך צו בעריהרען, אבער ערלויבע מיר מיט מיינע ברענענדע ליפען צו בעריהרען דיא ערד בייא דיינען פיסען (קניעט).

(מאראלעס, גראציע).

מאראלעס: (ערשטוינט) וואס בעדייטעט דאס, מרים? (צו סעבאסטיאן) מיין הערר מיין נאמען איזט דאן פערנאנדא מאראלעס, מיר וועט איהר מיסען ערקלערען וואס בעדייטעט דיא סצענע?

סעבאסטיאן: מיין נאמען איזט סעבאסטיאן דע סעווילא, איך וועל אייך דיא ערקלערונג נישט שולדיג בלייבען. (אפיציער ערשיינט).

אפיציער: זיינע מאיעסטעט דער קעניג אונ די קעניגין ביטען צום טיש (בלייבט ערשטוינט).

מאראלעס: מיין שווערד איז נאך ניע רוהיג אין דער שייד געלעגען ווען מען האט געגען מיינער עהרע געהאנדעלט (ציהט שווערד).

סעבאסטיאן: מיט זיין לעבען מוס יעדער בעצאהלען וועלכער וואגט מיך צו בעליידיגען! (ציהט שווערד).

מרים: (ווארפט זיך צווישען ביידע) דאן סעבאסטיאן דע סעווילא!....

סעבאסטיאן: ניין ניין, איך וואגע ניכט (ווארפט וועג דאס שווערד) פארט! איך דארף ניכט און קען דא מעהר נישט פערבלייבען (וויל לויפען).

גראציע: (פערשטעלט סעבאסטיאן דעם וועג) אבער יונגער פריינד, אלס ריטער אונ אפיציער!

סעבאסטיאן: ניין ניין, איך דארף אונ קען דא מעהר נישט פערבלייבען פארט! (שטויסט וועג גראציען — אב).

אפיציער: זיינע מאיעסטעט דער קעניג אונ די קעניגין בעוויליגען אלע צו טיש. (אלע אב אויסער גראציע, ביהנע גאנץ דונקעל).

גראציע: (זיהט אן סעבאסטיאנס שווערד) דאס גאלדענע שווערד מיט וועלכען דער קעניג האט איהם בעעהרט האט ער צו דער ערד געווארפען (העבט דאס שווערד אויף) א, דאס גאלדענע שווערד וועט באלד א גאלדענע ראלע שפיעלען (גאנזעלא ערשיינט) גאנזעלא, גאנזעלא! די ביזט עס?

גאנזעלא: איך בין אימער דא ווען מען דארף מיך האבען.

גראציע: ביזט נאך נישט בעצאפען?

גאנזעלא: נישט אזוי פיעל איך זאל נישט קענען ערפילען דעם בעפעהל דעם פארשטעהערס פון אונזער הייליג טריבונאל.

גראציע: אזוי איז גוט, אונזער קירכע פערלאנגט פון אונס איינע הייליגע טהאט. (ביידע אב).

(גיאזעפע, יואנא).

יואנא: דוא האסט איבערגענומען די מאס, דוא גרויסער העלד דאן גיאזעפע. —

גיאזעפע: נו, קום אהיים, וועט שוין אלעס גוט זיין (פון זאל זעהר בעלייכטעט).

יואנא: (קוקט אין זאאל) זעה נור, אזוי וויא ביי די פראכטע מענשען געהט

מֶען שְׁלָאפֶען, אַזוֹי גֶעהט מֶען בֵּיי זַיי עֶסֶען, װָעהסְטוּ כִּמְעַט אוֹיסְגֶעטְהוּן פָּארְלֶעבְּוֵויז, װָעהסְטוּ דִיא קֶענִיגִין גֶעהט מִיט מַארַאלֶעס. דֶער קֶענִיג פִיהְרְט דִיא שֶׁעהנֶע מִרְיָם, אַ מָאדֶע בֵּיי זַיי גֶעהט קֵיינֶער נִישְׁט מִיט זַיין אֵייגֶען װַייבּ, אַ פֶּערְגְנִיגֶען!

גיאזעפע: דוּא דַארְפְסְט דִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אַזְאלְכֶע זַאכֶען, קוּם אַהֵיים דָא אִיז פִינְסְטֶער מֶען פִינְטֶעלְט מִיט דִיא אוֹיגֶען, בֶּאֱמוּנָה אִיךְ בִּין דָאךְ אַ אַלְטֶער מַאן אַ חָכָם. אוּנ אִיךְ הָאבּ פוּנְדֶעסְטְוֶועגֶען פֶערְשְׁטַאנֶען אוּנ הָאבּ גֶענוּמֶען אַ יוּנג וַויבֶּעל, וַוייל אִיךְ הָאבּ פֶערְשְׁטַאנֶען אַז אָהן אַ וַוייבּ אִיז שְׁלֶעכְט. ס'אִיז נִישְׁט דָא וֶועמֶען גוּט מָארְגֶען צוּ זָאגֶען, ס'אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל אַ קְנֶעפִּיל צוּ נֵייעֶן!

יואנא: אַזוֹי, נוּר צוּלִיעבּ דֶעם, צוּלִיעבּ אַ קְנֶעפִּיל הָאט מֶען חֲתוּנָה?

גיאזעפע: אִיךְ קֶען נִישְׁט לֵייקְענֶען, ס'אִיז נָאךְ דָא אַ שְׁטִיקֶעל וִוינְאַדֶע אָבֶּער צָרוֹת אוֹיךְ.

יואנא: בֵּייא אִיהם אִיז נוּר דָאס וַוייבּ, אוּנ דָאס וַוייבּ — בֵּייא אַנְדֶערֶע אִיז אַ פֶערְגְנִיגֶען מֶען הָאט קִינְדֶערְלִיךְ נָאךְ דֶער חֲתוּנָה מֶען צִיהט זַייא אוֹיף מֶען הָאוֶועט זַייא, מֶען שְׁפִּיעלְט זִיךְ מִיט זַייא, אוּנ עֶר וִויל נוּר אִיךְ זָאל זִיךְ מִיט אִיהם שְׁפִּיעלֶען.

גיאזעפע: גֶעווּיס נוּר מִיט מִיר דַארְפְסְטוּ דִיךְ שְׁפִּיעלֶען! (ביידע זינגען דועט)

ער:
וָואס טוֹיג מִיר קִינְדֶער אִיךְ דַארְף זַייא
אוֹיף שֵׁיינֶע רֵיינֶע כַּפָּרוֹת,
אוֹיף דֶער עֶלְטֶער וֶועלֶען מִיר בֵּייא זַייא זַיין
אוֹיף גְרוֹיסֶע צָרוֹת.

זיע:
נַיין עֶס אִיז אַ פֶערְגֶענִיגֶען צוּ הָאבֶּען קִינְדֶערְלֶעךְ
מֶען טְהוּט אָן פוּן זַייעֶרֶע חָכְמוֹת
פוּן דִיא וִוינְדֶעלֶעךְ,
מֶען צִיהט זַייא אוֹיף, מֶען הָאוֶועט זַייא אוֹיף
דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זַייא חֲתוּנָה גֶעמַאכְט
אוּנ פוּן דִיא קִינְדֶער נָאךְ קִינְדְס קִינְדֶער
אוֹי אִיז דָאס אַ פְּרַאכְט (בים: עס איז א פערגעניגען).

ביידע: עֶס אִיז אַ פֶערְגֶענִיגֶען.

זיע: אבער מיר אליין וויא א שטיין
פע עס איזט נישט שעהן,
אויף דער עלטער און א גרויס ווינדער
מען האט א ציישפאר בייא דיא קינדער.

ער: מיט טאטע מאמע שעהמט מען זיך
מען שיקט זייא שלאפען אין דער קאלטער קעך.

ביידע: איידער קישען קינדערלעך פיטשע פיטשע פיטשעניונקאלעך
קישען וועל איך בעסער מיין ווייבאלע מיין ווייבינונקאלע.

(בים: טאנץ אב).

גראציע. גאנזועלא.

(וועהרענד מוזיק שפיעלט, שפריכט אלעס ביז אויף צייכען צום געזאנג נומער).

גראציע: היער איז דונקעל, פון דאנען איז זעהר גוט צו בעאבאכטען... מען שטעהט שוין אויף פון דעם טיש, ח ח ח זייא האבען געגעסען און געטרונקען, און נאטעס דיענער גראציע האט געווארגט פאר דיא היילינע זאכען... גאט! ער געהט אהער אליין—דיא ענגלען אין הימעל העלפען אונז גאנזעלא זייא פארבעריטעט, א גאלדענע טהאט זאל מיט דעם גאלדענעם שווערד ערפילט ווערען. (ביידע פערשטעקען זיך).

(מאראלעס, מיט בעדעקטען קאפף).

מאראלעס: דא איז דונקעל, אבער אין דער פינסטערניס איז זעהר אנגענעהם ווען א מענש וויל בלייבען מיט זיינע געדאנקען, אה מרים ווען דוא זאלסט וויסען ווי איך ליידע... (ערהערט גערויש פון גראציע) וואס איז דאס?

גראציע: איך בין עס דאן פאטריקא גראציע.

מאראלעס: וואס פערלאנגט איהר פאן מיר (זוכט די שווערד).

גראציע: (האפט איהם ביי די הענד) מיר דיא טרייע דיענער נאטעס פערלאנגען דאס נור דער ליעבער גאט זאל הערשען אויף דער וועלט און אלע זיינע פיינדע אונד געגנער זאלען אויסגעראטעט ווערדען, געצער־דיענער דער היילינער טריבונאל האט דיך צו טויד פעראורטיילט, און דוא זאלסט שטערבען.

(גאנזועלא שטעכט איהם מיט סעבאסטיאן'ס שווערד, לאזט ליעגען דיא שווערד אין ליפט אב. אויף מאראלעס לעצטע געשרייא ערשיינט אפיציער).

אפיציער: װער האט דא געשריען? הא װאס איז דא אזױ פינסטער? (אב)

(סעבאסטיאן שפריכט אויפגערעגט. מוזיק שפיעלט).

סעבאסטיאן: דא ערגעץ האב איך מיין גאלדענעם שװערד א װעק גע װארפען (זוכט) װיפיעל ליכט איז דא פריהער געװען און יעצט איז פינסטער גראדע װיא אין מיינער װעלט! עס װאר זעהר אונבעקװעמען פאן מיר דעם קעניג'ס געשענק װעקצושמייסען (ערהערט טאדעס קרעכץ פון מאראלעס) װאס איז דאס? (פאנגט אן צו זינגען) װאס זעה איך איז עס קיין טרוים? גאט שטעה מיר בייא!

(אפיציער ערשיינט).

אפיציער: (זינגט) מארד! מארד! מארד!
סעבאסטיאן'ס שװערד מיט בלוט!
שנעלער ליכט גיבט אהער! (קאהר ערשוינט).

קאהר: מארד מארד װאס זעהען װיר,
איין מארד דא געשעהען,
אונזער מאראלעס איז טויד.

סעבאסטיאן: מאראלעס מיין גאט! ערמארדעט יעצט,
װיא שרעקליך איז דאס, איך בין פערװירט
א גאט שטעה מיר יעצט בייא און שטיצע מיך
ערבארמען! מיין גוטער גאט —
זייא מיר גנעדיג. (קעניג ערשיינט)

קעניג: װאס איז געשעהען ערקלעהרט מיר
א שנעלער שפריכט װאס איז געשעהן
װער האט צערשטערט אונזער פעסט?

קאהר: איין מארד איז יעצט געשעהן,
מאראלעס איז טויד,
אך א שרעק א מארד טהאט קעניג!

(אמבראזיא ערשיינט בעטראכט מאראלעס'!).

קעניג: (זינגט) אך מאראלעס ערמארדעט
שמיעדעט איהם אין קעטען גלייך
װאס האטטו יעצט געטהון,

דְּיא וַואהְרְהֵייט שְׁפְּרִיךְ
זָאוַואס עֶרְוַוארְטֶעְן, וֶוער הָאט עֶס גֶעדֶענְקְט
פָּאטֶער אַמְבְּרָאזִיע ! גִיבְּט עֶס קֵיינֶע הָאפְנוּנְג מֶעהר !

אמבראזיע ? אֶ קֶענִיג עֶס גִיבְּט קֵיינֶע הָאפְנוּנְג מֶעהר,
פְּרֵיינְד מַארַאלֶעס אִיז טָאד,
גֶעשִׁידֶען אוֹיף אִימֶער אִיז עֶר פָּאן אוּנְז.

(און צווישען מוזיק נעמט אוינעם פון קאהר זינגט צו איהם אקארט).

אֶ מֵיינֶע בְּרוּדֶער יְהוּדָה מִיר הָאבֶּען
יֶעצְט נָאר דָאס צוּ טְהוּן,
פוּן קְלָאסְטֶער אִיהם צוּ נֶעהמֶען,
אוּן צוּ קֶבֶר יִשְׂרָאֵל
אִיהם אוֹי נוּר בְּרֶענְגֶען. (געהט אב קומט מיט מרים).

קאהר: שְׁלֶעפְּט אִיהם גִיךְ אַוֶועק פוּן דַאנֶען,
נֶעמְט דֶעם מֶערְדֶער, נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען.
עֶר הָאט אִיהם עֶרְמָארְדֶעט
בֶּעשְׁטְרָאפֶען דַארְף מֶען אִיהם דֶעם מֶערְדֶער
אִיהם טֶעטֶען אִיהם טֶעטֶען זָאפָּארְט.

סעבאסטיאן: נֵיין נִישְׁט אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג נֵיין נִישְׁט אִיךְ
אַךְ פֶּערְלָארֶען יַא רֶעטוּנְגְסְלָאז פֶּערְלָארֶען
פֶּערְבְּרֶעכֶער בִּין אִיךְ יֶעצְט אֶ וֶועלְכֶע שְׁמַאךְ.
אוּנְשׁוּלְדִיג בִּין אִיךְ יֶעצְט אֶ קֶענִיג עֶרְלוֹיבּ עֶס מִיר,
הֶערְט מִיךְ אַלֶע וָואס אִיךְ אֵייךְ זַאגֶע
דִּיא וַואהְרְהֵייט אִיז עֶס נוּר גְלוֹיבְּט
אוּנְד נוּן זָאל גֶעשֶׁעהֶן גָאטֶעס וִוילֶען
רֵיין זִינְד מֵיינֶע הֶענְדֶע דָאס שְׁוֶוערֶע אִיךְ אֵייךְ
רֵיין זִינְד דִיעזֶע הֶענְדֶע פוּן דִיעזֶען מָארְד
רֵיין זִינְד מֵיינֶע הֶענְדֶע דָאס שְׁוֶוער אִיךְ בֵּייא נָאט.

כאהר: הֶערְט אַלֶע דֶעם מֶערְדֶערְ'ס לִיעגֶען וָואס עֶר זָאגְט
מַארַאלֶעס אִיז דוּרְךְ אִיהם טָאד
אֶ גוּטֶער מֶענְשׁ וָואס פַאר אֵיין עֶנְדֶע.

בּוּנְד אִיהם אִין קֶעטֶען,
מִיט דִיא פִּיס אִיהם טְרֶעטֶען,
שְׁלֶעפְּט אִיהם גִיךְ אַוֶועק פוּן דַאנֶען,
שְׁמִיעדֶעט אִיהם שְׁנֶעל אִין קֶעטֶען,
טְרַייבֶּען אִיהם פָּארְט, פָּארְט פוּן דַאנֶען,
אִיהם פֶּערְיָאגֶען צוּם טוֹיד שְׁלָאגֶען,
שְׁלֶעפְּט אִיהם וֶועק פָּארְט פָּארְט. (פאזיציאן)

(פ א ר ה א נ ג.)

ענדע דעם צווייטען אקטעם.

אַקְט. III.

(טראָהן, זאַל ביים קעניג, אונ געריכטס-האָפבעאמטע).

(ריכטער. קעניג. קעניגין. קאָהר).

קאָהר: (זינגט) פִיר דֶעם קֶענִיג אוּנ פִיר אוּנְזֶער לַאנְד
בֶּעטֶען מִיר דָא אַלֶע יֶעצְט,
גָאט גִיבּ אִיהם גֶעזוּנְד אִין יָאהרֶען פִיעל,
גְלִיק אוּנ זֶעגֶען אוֹיף אַלֶע וֶועגֶען.
הָאךְ לֶעבֶּע אוּנְזֶער קֶענִיג, אוּנְזֶער שִׁיצֶער
פוּן אוּנְזֶער לַאנְד,
הָאךְ לֶעבֶּע דָאס לַאנְד (בּיס).

קעניג: (פראָזא) מַאן בְּרִינְגֶע דֶעם בֶּעשׁוּלְדִיגְטֶען (דיענער אב קומען מיט סעבאסט.) דָאן סֶעבַּאסְטִיַאן, דוּא בִּיזְט בֶּעשׁוּלְדִיגְט אַם 17 סֶעפְּטֶעמְבֶּער דֶעם בֶּעוואוּסְטֶען גֶענֶערַאל מַאראַלֶעם עֶרְמָארְדֶעט צוּ הָאבֶּען, בֶּעקֶענְסְט דוּא דֵיינֶע שׁוּלְד?

סעבאסטיאן: אִיךְ בִּין אוּנְשׁוּלְדִיג, מַאיֶעסְטֶעט!

קעניגין: יֶעדֶער בֶּעשׁוּלְדִיגְטֶער הָאט דָאס רֶעכְט אֵיינֶעם פוּן אוּנְזֶערֶע יוּרִיסְטֶען זִיךְ צוּם פֶערְטֵיידִיגֶער צוּ וֶועהלֶען.

סעבאסטיאן: מַאיֶעכְטֶעט! נִיכְט אֵיין אַדְוָואקַאט זָאל מֵיין פֶערְטֵיידִיגֶער זַיין פִיר מֵיינֶע אוּנְשׁוּלְד — נוּר פִיר ווירְקְלִיכֶע פֶערְבְּרֶעכֶער וִינְד יוּרִיסְטֶען גֶעשַׁאפֶען, אִיךְ בִּין קֵיין פֶערְבְּרֶעכֶער!

קעניג: זָאל מֶען דֶען עֶרְשְׁטֶען צֵיינֶען פָארְפִיהרֶען (דיענער אב קומט מיט אָפיציר).

אָפיציער: אִין יֶענֶע שְׁרֶעקְלִיכֶער נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען וַואכְאָפִיצִיעֶר, אִיךְ בִּין זֶועהר אָפְט גֶעגַאנְגֶען פַאר דֶעם קֶענִיגְס אַפַּארְטֶעמֶענְט אִין גַארְטֶען

און ווען איך בין געגאנגען איינלאדען די געסט צום טיש האב איך בעמערקט ווי דאן סעבאסטיאן און דער גאטוועליגער מאראלעס האבען צווישען זיך זעהר א פיינדליך געשפרעך געפיהרט, ביידע מענער האבען שווערדע געצאגען, אבער דאנא מאריע האט זיך צווישען זיי געווארפען און האט אויסגעשריען: סעבאסטיאן! ביי דיעזעם ווארטע האט דער בעשולדיגטער זיין שווערט וועג געווארפען, מיט א צייט שפעטער נאך דעם אבענדמאהל, האב איך דערהערט אין גארטען א שרעקליך געשריי ווען איך מיט מיינע לייטע זענען אהין געקומען האבען מיר געפונען דאן מאראלעס טאדט — עס וואר געוויס א מייכעל-מארד, אין דער וואונדע האט געשטאכען סעבאסטיאנס גאלדענע שווערד, וועלכעס ער האט דעם זעלבען אבענד פון זיינער מאיעסטעט ערהאלטען! סעבאסטיאן איז געלעגען נעבען דעם טויטען קערפער פערוווירט אהנע הוט, זיינע קליידער און הענדע ווארען מיט בלוט בעפלעקט.

קעניגין: ווי אזוי, סעבאסטיאן, האסטו געקענט זאוואס טהון?

סעבאסטיאן: מיינע הענדע און קליידער ווארען מיט בלוט בעפלעקט. דאס איז וואר — דאס איך מיט מאראלעס'ן איין פיינדליך געשפרעך געפיהרט האב, דאס איזט אויך וואהר, אבער דאך בין איך נישט דער מערדער פון מאראלעס'ן, איירע ציינגען זענען מענשען, מיין ציינגע איזט גאט!

קעניג: מען זאל דען צווייטען ציינגען רופען. (גיאזעפע קומט ערשראקען).

גיאזעפע: ערבארעמט אייך איבער מיך, איך בין נישט שולדיג.

העניג: רוהיג! קיינער בעשולדיגט דיך נישט.

ריכטער: שווער אז די וועסט זאגען די ריינע וואהרהייט ווי פאר דעם אלמעכטיגען גאט!

העניג: (צייגט אויף סעבאסטיאן) קענסט איהם?

גיאזעפע: אויב איך קען איהם? עס איז דאסזעלבע ווי מען זאל פרעגען א מענשען צי ער קען זיין אייגענע נאז! — א אייגענע נאז אויב זי איז נישט שטארק אויסגעצויגען זעהט מען זי נור דורך דעם שאטען, און איך האב איהם געזעהן כמעט יעדען טאג, איך האב איהם געקאנט ווען ער האט נאך נישט געטראגען די אפיציערסקע הויזען;

קעניג: ווייסטו עפעס וועגען מארד?

גיאזעפע: יא! איך ווייס אז דער ערמארדעטער מאראלעס איז ערמארדעט געווארען אויף מוידט!

קעניג: און ווער האט איהם ערמארדעט?

גיאזעפע: איך ברעך מיר דעם קאפף שוין שטונדען לאנג, און קען נישט טרעפען ווער עס האט איהם ערמארדעט, — אבער דוא זאלסט נישט קענען אויסגעפונען איז מיר טאקי א חדוש!

קעניג: ווארען פיליכט אורזאכען וועלכע זאלען אויפרייצען דיינען הערצן געגען מאראלעס?

גיאזעפע: די ערשטע אורזאכע איז א יונג, שעהן ווייבעל!

ריכטער: (צו די איבריגע) איהר הערט?

גיאזעפע: ווער עס האט א שיין ווייבעל איז היינט נישט זיכער מיט דעם לעבען!

ריכטער: האט מאראלעס געהאט אורזאכע צו אייפערן?

גיאזעפע: אייפערזיכטיג! פונ'ם זינען קען מען פון זיא ארויס, געהסטו מיט דיין ווייב אין גאס — קוקען זיא, עס הייבט זיך אן מיט'ן קוקען עס לאזט זיך אוים מיט'ן קוקען!

קעניג: גענוג, ברענגט דיא ווייטערע צייגען. (יואנא קומט.) שוועער מיין קינד, אז דיא וועסט זאגען דעם אמת, וואס ווייסטו אין דיעזער מארד-אנגעלעגענהייט?

יואנא: ענטשולדיגט איך בין א יונגע פרוי, איך ווייס נישט אפשר פאסט נישט פאר א יונגע פרוי?

קעניג: קענסטו דעם בעשולדיגטען?

יואנא: ער איז נישט שולדיג, איהר מעגט מיר גלייבען.

קעניג: איך פרעג דיך, קענסטו איהם?

יואנא: אויב איך קען איהם! ווען ער איז געוועזען נאך אזא יונגעל האב איך מיך מיט איהם שוין געשפיעלט!

גיאזעפע: איך וואלט עס נישט בעדארפט ערלויבען.

יואנא: ער איז געוועזען שטענדיג א גוטער, א שטילער, א... פליג אויף דער

וואנד האט ער נישט זאטשעפעט, מען דארף זיין בלינד און משוגע צו גלייבען אז ער האט א מענשען ערמארדעט!

קעניגין: ווייסטו נישט, אפשר האט איהם איינע פערברעכערישע ליעבע געטריעבען צו דעם פערברעכען?

יואנא: עדלע מענשען נעמען אליין אן דיא כפרה פאר זייער ליעבע זייא זיפצען קרעכצען, זייא קוקען אויף דער לבנה, אבער זייא טהון קיינעם קיין שלעכטס איבער זייער ליעבע, גלויבט מיר ער איז אונשולדיג!

(דיענער רופט גראציע)

קעניג: דאן פאטריקא גראציע, איהר זייט איינער פון דיא וויכטיגסטע צייגען אין דעם פראצעס.

גראציע: איך וועל מיך גליקליך שעצען, אויב איך וועל קענען מיט מיינע קליינע קרעפטע דער וואהרהייט דיענען, איך שווער איך וועל אלעס ריכטיג ערצעהלען.

קעניגין: איך מוס אייך אויפמערקזאם מאכען מיינע הערר, דאס דיעזער צייגע ערצעהלט אונגלייביגע זאכען פון מיינער יוגענד פריינדין וויטווע מאראלעס!

גראציע: איך צווייפלע נישט, דאס אליין דאנא מאריע וועט נישט וואגען מיינע ווארטע אבצולעגען, זאל מען זיא אליין פרעגען.

קעניגין: זיא איזט זעהר קראנק, איך פערלאנג מען זאל זיא פון דיעזער שווערער לאסט בעפרייען.

קעניג: ענטשולדיגע, איהרע איינענע עהרע פאדערט זיא זאל אליין ערשיינען און אלעס פארערצעהלען, זאל מען זיא רופען. (דיענער אב).

יואנא: וועה, ער שטעהט נעביך קוים אויף דיא פיס.

גיאזעפע: מען וועט איהם אויפהענגען וועלען זיך זיינע פיס שוין אויסרוהען.

(מרים קומט מיט דיענער).

קעניגין: ארמעס קינד! דוא פיהלסט דיך זעהר שלעכט איך ערלויבע דיר געבען מיר צו זעצען.

מרים: דאנקע מאיעסטעט (בלייבט שטעהען)

קעניג: דאנא מאריע קענסטו דעם מאן?

מרים: יא....!

קעניג: ער איז בעשולדיגט, דיינען מאן ערמארדעט צו האבען גלויבסט דוא עס?

מרים: עס איז מיר זעהר שווער צו גלויבען אז דאן סעבאסטיאן דע סע-ווילא זאל איין מערדער זיין, אבער נאך שווערער איז מיר צו גלויבען דאס ווען ער ווירקליך דיעזען מארד בעגאנגען האט, קיין מוטה האבען זאל, דיעזעס אפען צו געשטעהען, אונד אהנע פורכט דיא שטראפע צו ערווארטען!

סעבאסטיאן: דאנא מאריע איך בין אונשולדיג!

מרים: עס איזט וואר, ניכט ער האט דיעזען מארד, דיעזען שענדליכען מארד בעגאנגען.

קעניג: איינינע צייגען בעהויפטען, דאס דער בעשולדיגטער האט געוואגט דיך צו פערפאלגען מיט א פערברעכישער ליידענשאפט. עס טהוט מיר זעהר לייד, אבער דוא ווירסט איינינע פראגען בעאנט־ווארטען מיסען, שווער דאס דוא ווירסט דיא ריינע וואהרהייט זאגען

מרים: שווערען... איך... אונד דאן אלעס, וועגען אונזער פערהעלטניס ערצעהלען — דאך זאל איך אפען געשטעהען, דאס ער האט מיך געליעבט — אבער ניין ניין! ער איזט קיין מערדער, און ווען איך זאל זאגאר מיט מיין לעבען פאר מיין גלויבען בעצאהלען וועל איך דאך נישט שווערען — מיין לעבען האט קיין ווערטה!

קעניגין: זעהט וויא בלאס זיא איז מיר האבען גענוג צייגען אהנע איהר!

גראציע: זאל מיר ערלויבט זיין צו זאגען דאס מיינע בעווייזע ערשט דאן איין ווערטה האבען, ווען דאנא מאריע ווירד דיא וואהרהייט זאגען, וועגען איהרע פערהעלטניסע מיט דאן סעבאסטיאן דע סעווילא!

קעניגין: איך ווייס דיא וואהרהייט וועגען דיעזע פערהעלטניסע, און איך דיא קעניגין פאן קאסטיליען קאן שווערען, דאס זיא איזט ריין, אונשולדיג ריין.

קעניג: דעסטא בעסער ווירד עס זיין ווען זיא אליין ווירד דיא וואהרהייט געשטעהען, שווערע ביים הייליגען עוואנגעליאם!

מרים: שווערען ביים הייליגען עוואנגעליאם, עס וועט זיין א בעטראג, ווען

אִיךְ וֶועל דָאס טְהוּן אִיךְ קָען נִישְׁט שְׁוֶוערֶען דֶען עֶס אִיזְט מִיר פֶּערְבָּאטֶען!

אלע: וָואס בֶּעדֵייטֶעט דָאס?

מרים: דָאס בֶּעדֵייטֶעט, אִיךְ בִּין אֵיינֶע יוּדִין, אוּן דֶער גָאט פוּן יוּדִישֶׁען פָאלְק אִיז אוֹיךְ מַיין גָאט...

קעניג: יֶעצְט קָען אִיךְ אִיבֶּער דַיין אוּרְטֵייל נִישְׁט מֶעהר עֶנְטְשֵׁיידֶען, דוּא גֶעהֶערְסְט צוּ דֶער אִינְקְווִיזִיצִיאָן — דָאן פַּאטְרִיקָא גְרַאצִיֶע מֶענֶע פִּיר דַיינֶע וֶועלֶע זָארְגֶען.

פערוואנדלונג.

(קארידאר אין קעניגליכעם פאלאץ, מרים ווירד געפיהרט דאמען, דיענער, קאהר, ארגעל).

מרים: אלע בעטען דארט גאט, ער זאל זייא פערגעבען דיא ערניעדריגונג
דורך מיר, דורך איינע אונווירדיגע יודין, דאכט זיך דיא יודען זענען
אזוי קליין און שוואך, און גאט איז גרויס און שטארק, וויא קענען
מיינע רייד פאר איהם אזוי געפעהרליך זיין — איהר הערט! אים
נאמען גאטעס קלינגט זייער געבעט־ליעד אזוי זיעס! אזוי מילד! און
אים נאמען פון דעם זעלבען גאט זענען זייערע טהאטען אזוי שלעכט
און גרויזאם, איך ווייס — באלד וועלען קומען דיא שווארצע מענשען
נאך מיר, מען וועט מיך מארטערן, אום פאן גאט דער ליעבע (גערויש
זייא קומען שוין נאך דער זינדיגער יודין!...

(א יפטריט קעניגין. מרים פאלט צוריק).

קעניגין: (צו דיא דאמען) פערלאסט אונז (דאמען אונד דיענער אב) גאט אין
הימעל! ביזטו ווירקליך איינע יודין? מאריע!

מרים: יא מאיעסטעט! איך וואגע יודין צו זיין.

קעניגין: איינער יודין האט דיא קעניגין איהרע פריינדשאפט געשענקט
אה וועלכע שאנדע! אבער ווארום האסטו מיר פריהער דיא וואהר־
הייט נישט געזאגט?

מרים: איך האב נישט געוואלט פערליערען דיא פריינדשאפט פאן דער
קעניגין.

קעניגין: מאריע! ווייסט דוא באלד וועט דיך דיא היילינגע אינקוויזיציאן
פאדערן, וועה, זייא וועלען דיך זעהר מארטערן!

מרים: אונזער עוויגעס שיקזאל איז, געפלאגט אונד געמארטערט צו ווערען.

קעניגין: פערשפרעך מיר יעצט דיין גלויבען צו פערלאסען, דאן ווערדע איך טראכטען דיך צו רעטען.

מרים: ניין מאיעסטעט איך וועל אלס יודין שטערבען, און וואגאר ווען איער גלויבען זאל מיר גליק פערשאפען, העטע איך עס מיר אויך נישט ערלויבט.

קעניגין: דומעס קינד! דאס געריכט האט זיינע זיצונג פערשאבען פיליכט ווירד מאן איהם אונשולדיג פינדען, דאן קענסטו מיט דיין געליעבטען גליקליך זיין.

מרים: ניין קעניגין, דער וואס פערשטאכט זיין גלויבען צוליעב פערזעהנ־ליכען גליק, דער פערדיענט נישט גליקליך צו זיין!

קעניגין: דיא וואגסט נור דאפיר וויל זייט דיינער פריהעסטען קינדהייט האט מען דיך געלערנט אונז צו האסען, איך וועל דיך איבערגעבען איינעם, וועלכער וועט דיך לערנען אונזער גלויבען ליעבען! (קלאפט מיט דיא הענד) העי ווער איזט דארט? זאגט, דער פאטער אמבראזיע קען שוין אריין קומען.

(אויפטריט אמבראזיע).

מרים: (פריידיג) אמבראזיע א גוטער גאט!

קעניגין: איז דיר דער מאן בעקאנט? דוא ווירסט דיך איבערצייגען דאס עס איז איינע עהרע מיט זא א געטריבען מאן צו איין גלויבען צו געהערען!

אמבראזיע: קעניגין! איך האפע זיא ווירד מיינע גלויבענס־געגאסין זיין.

קעניגין: מיט דיזער האפנונג פערלאז איך אייך! (אב)

מרים: פאטער אמבראזיע, דיא קעניגין האט רעכט עס איז איינע עהרע מיט אייך צו איין גלויבען צו געהערען!

אמבראזיע: שא... מרים! דוא האבט הייטע א גרויסען פעהלער געמאכט פיעל פון אונזערע ברודער וועלען דורך דיר ליידען, דיא שרעקליכע אינקוויזיציאן וועט באלד וועלען אויף דיר דיא שווארצע האנד לעגען. דאס איינציגע מיטעל איז, איך זאל דער קעניגין זאגען דאס דו ווילסט דיין גלויבען פערלאסען — פיליכט ווירד עס העלפען? איך זאגע פיליכט, ווייל דיא אינקוויזיציאן ווירד דיך דאך פארדערן, ווירד

ניכט די קעניגען ניכט קיינע מאכט אין דער וועלט אים שטאנדע זיין דיך צו רעטען (גערויש) וועה מיר! איך האב מורא עס איז שוין שפעט.

(גראציע, גאנזעלא, 2 מאסקירטע מענער)

גראציע: דער הייליגער טריבונאל, פארדערט דיא זינדיגע יודין! הייליגער פאטער אמבראזיו זעגנעט מיך! (אמבראזיו זעגנעט איהם).

אמבראזיו: ברודער גראציע וויא איך פערשטעה וויל זיא איהר גלויבען פערלאסען!

גראציע: ווירקליך, דאס פרייט מיך! אבוואהל איהר קערפער ווירד צערשמעטערט און צעריסען ווערדען אין שטיקער ביז זיא ווירד אלעס ערצעהלען וואס דאס טריבונאל וויסען דארף, — אבער וואס איזט דער קערפער? אשע און ערדע! אם וועניגסטענס ווירד איהרע זעעלע געערעטעט זיין — נעמט זיא!

מרים: פאטער אמבראזיו! (מאסקירטע מענשען טראגען זיא, אב).

גראציע: (אבגעהענד) א געלאבט זייא גאט! איהר זינדיגער קערפער, בעלאנגט נאר צו דער העלע, איהרע זעעלע אבער ווירד זיין דארט אין הימעל! (אב).

אמבראזיו: עד מתי אלהים! דיין ארים פאלק ווירד געפלאגט, פערפאלגט, געיאגט און דיא שווייגסט? דיא וועלט איזט פערפלייצט מיט יודישע טרערען און מיט יודיש בלוט, און דיא שווייגסט? איך בעט דיך גאטיניו ענפער מיר, וויא לאנג נאך — עד מתי אלהים, עד מתי?

פערוואנדלונג.

(דאסזעלבע בילד וויא אין פראלאג. אויפ'ן טיש ליעגט א טויטער קערפער, מרים אויף א האלצבעטעל זינגט עד מתי, נאך געזאנג)

(גראציע, גאנזעלא.)

גראציע: אהא זיא ווײנט, דאס איז נישט שלעכט! טרערען שוואכען אב (ערבליקט דען קערפער) ווער איז דאס?

גאנזעלא: דאס איז אײנער פון מאראלעס דיענער, ער האט נישט אויסגעהאלטען, הײנט נאך האלבע נאכט ווירד פאטער אמבראזיע מיט זײנע דיענער איהם בעערדיגען.

גראציע: עדלער ברודער גאנזעלא, געה זעה אב מען האט שוין אהער געבראכט דעם פערברעכער סעבאסטיאן? איהם ווירד דיא זינדיגע יודין פילײכט עטוואס פערטרויען!

גאנזעלא: (אבגעהענד) מיר שײנט ער זארגט מעהר פיר איהר שעהנעם קערפער, אלס פיר איהר זינדיגע זעלע!

גראציע: עס פרײט מיך זעהר שוועסטער מאריע וואס איהר האט ענדליך דיא וואהרהײט פון אונזער הײליג גלויבען בעגריפען, אײער זעלע האט איהר שוין דאמיט געטעטעט. אויב איהר ווילט, קענט איהר אויך אײער קערפער רעטען! איהר פערשטעהט?

מרים: איך פערשטעה, דאס יעדעסווארט וואס קומט ארויס פון אײערע אונרײנע ליפען איז אבשײליך און געמײן!

גראציע: (צײגט אויף דעם טויטען קערפער) איהר זעהט מאדאם, דאס איז אײנער פון אײערע טרײע דיענער — דאסזעלבע ערווארטעט אײך אויך!

מרים: דאס איז קײן נײעס פיר מיך, איך ווײס אז איך דארף פון אזעלכע מענשען וויא איהר אלעס ערווארטען.

גראציע: וויא דאך ניכט דום, קינד! ווארום זאלסטו שמערצען ליידען? ווען דוא קענסט נאך געניעסען פריידע און פערגעניגען, ווארום זאל דיין שעהנער קערפער פערקריפעלט ווערען? ווען דיא קענסט דיר מיט דיינער רייצענדען שעהנהייט דיא פרייהייט קויפען, ווארום זאלסטו שטערבען, ווען דוא קענסט נאך גליקליך זיין און א אנדערן אויך גליקליך מאכען? א, דוא פערשטעהסט נישט וועלכע געפיהלע דוא האסט שוין פון לאנג אין מיין ברוסט ערוועקט!

מרים: (שטאָסט איהם וועג) פאָרט פון מיר דוא העסליך נידריגער מענש, דוא האסט שוין לאנג אין מיר ערוועקט געפיהלע פון עקעל און פעראכטונג!

גראציע: פערגעס נישט, דוא ביזט אין מיינער מאכט, וועם קענסטו צו הילפע רופען?

מרים: אהער קען מיר קיינער צו הילפע קומען, אבער מיינע הילפע איז דא! זעהסטו — ווען דוא צו מיר נאך איין שריט נעהער קומסט, מאך איך איין ענדע צו מיינעם לעבען! (נעמט זיך דיא קעטען ארום דעם האלז).

גראציע: טייפעל! ווער האט דיר זא א לאנגע קעטע געגעבען? אלזא מיר וועלען זעהן, וויא לאנג זיא וועט נאך קענען זא בראוו זיין. (קלינגט, ריכטער קומען) דער הייליגער טריבונאל ערעפנעט דיא זיצונג — אונריינע יודין! טרעטע פאר, דער הייליגער טריבונאל פאדערט דוא זאלסט אויף איינינע פראגען אנטווארט געבען, ווירסטו אבער הארטנעקיג זיין, זא האבען וויר גאט זייא דאנק גענוג מיטעל דיך צווינגען צו רעדען, זאגע, האט דער ערמארדעטע מאראלעס געוואוסט דאס דוא איינע יודין ביזט?

מרים: וואס דער געוואוסט, אדער נישט געוואוסט האט, זאל מען איהם געהן פראגען!

גראציע: איהר הערט וואס פיר איינע פרעכע אנטווארט? — אלע זיינע דיענער האבען מיר געפאלטערט, און עס איז אונז דאך נישט געלונגען צו ערפאהרען, וועלכע נאך פון דיא וואס מאסקירען זיך אלס אנדערס-גלייביגע, אין דער ווירקליכקייט אבער, יודען זינד!... (סעבאסטיאן ווירד אין קעטען הערייגעפיהרט, מרים בעמערקט גישט זיין קומען, גראציע גיבט איין צייכען מען זעצט איהם.) האט סעבאסטיאן דע סעווילא געוואוסט דאס

דוא ביזט א יודין? (שווייגט) ווייסטו פיליכט ווער עס וואר סעבאסטיאנ'ס פאטער?

מרים: ניין!

גראציע: איזט ער דיין געליעבטער?

מרים: איך גלויבע, דיעזעס איזט נישט דיא אויפגאבע פון א היילינגען טריבונאל צו וויסען!

גראציע: וויא לאנגע דויערן שוין אייערע פערברעכערישע, זינדיגע פערהעלטניסע?

סעבאסטיאן: ערניעדריגט נישט דען נאמען איינעס אנדערסגלייבינגען אין דיא אויגען פיר דער אונשולדיגען יודין!

מרים: סעבאסטיאן!... עס האט מיך איבערראשט דא צווישען זייא צו זעהן איינען אנדערסגלייבינגען, וועלכער פיהלט אונ דענקט וויא א מענש!

גראציע: סעבאסטיאן דע סעווילא, דוא וועסט רעדען ווען מען וועט דיר ערלויבען — יודין אנטוואָרטע! ווייסטו ווער עס וואר דער פאטער פון סעבאסטיאן?

מרים: איך וויים נישט, אבער איך גלויבע, ער וואר געוועזען איין עדעלמאן אבוואהל ער וואר איין אנדערסגלייבינגער!

גראציע: זא דוא ווייסט נישט! אונ דיין געמאהל הערר מאראלעס וואר יודע אדער אנדערסגלייבינגער? (שווייגט) וואר דיין מאן יודע אדער אנ-דערסגלייבינגער? (שווייגט) א, זיא שווייגט, בריידער נעמט זיא אויף דעם פאלטערטיש (מרים ווירד אבגעפיהרט, סעבאסטיאן וויינט, גראציע גיבט א צייכען מען פיהרט איהם צו) נון, סעבאסטיאן, פערהאלט דיך רוהיג, אונ אנטוואָרטע אויף אונזערע פראגען, ביזטו איין אנדערסגלייבינגער?

סעבאסטיאן: מעהר אלס יעדער איינער פון אייך!

גראציע: האסטו געוויסט אז זיא איז א יודין?

סעבאסטיאן: יא!...

גראציע: איזט זיא נישט מרים, דיא טאכטער פון הענריקא מענדוזא?

(מרים קרעכצט).

סעבאסטיאן: דאס וויים איך נישט (ערשראקען) א, טהוט עס נישט, איך בעט אייך, טהוט עס נישט!

גראציע: וואר דיין פאטער אנדערסגלייביגער?

סעבאסטיאן: גֶעוויס! (מרים שרייט לויט) וואס טהוט איהר דא? ווער זייט איהר? מֶענשען? אייער עֶרלֶעזער האט אויך גֶעלֶערנט פֶערגֶעבֶּען און פֶערצייהֶען אונזערע עֶרגסטע פיינדע, און איהר מארטערט און פאל־טֶערט, דיא, וועלכע טראגען צו אונז גֶעפיהלֶע פאן פריינדשאפט, — שאנדע און שמאך, אויף דיא וואס האבען אזוי פֶערקריפֶּעלט דיא לֶעהרע פון ברודער ליעבע און מענשליכקייט!

גראציע: הַ חַ חַ איך האב גֶעוואוסט אז מען וועט זיא מארטערן, וויר־ד ער רעדען, סֶעבאסטיאן! ביזטו שאהן לאנגע אין דער ליעבע מיט דער יודין? קענסט אונז זייער נאהמען גֶעבען, (מרים גיט א שרעקליך געשריי)

סעבאסטיאן: אַ מערדער! פֶערברעכער! (ווארפט זיך צום טיש).

גראציע: (ערשראקען) פיהרט איהם פארט, די זיצונג איז פערטאגט!

(מען שלעפט סעבאסטיאן — מרים ווירד צוריקגעלעגט אויף איהר בעטעל, אלעס אב, ביהנע דונקעל).

(אמבראזיע, מאסקירטע מענער מיט פאַקעל, אייניגע טראָגען א שווארצען זארג)

אמבראזיע: (געהט צו מרים) זיא לעבט גאט זייא דאנק... ש... ש...

מרים: (מיט שוואכע שטימע) דו! אַה מיין פריינד! (חלישט)

אמבראזיע: (ציהט פון איהר אראָב דעם מאנטעל, שלייער און טהוט אָן דעם טויטען) מיין קינד שטארקע דיך און האב קיין אנגסט, אלס אַ טויטען וועלען מיר דיך פון דעם פינסטערן גרוב ארויס טראגען, און אלס אונזער גערעטעטע און געליעבטע מרים, וועלען מיר דיך ברענגען אהין, אין אונזער בליהענדען עמק הארזים איך בעט דיך זייא רוהיג און שרעק דיך נישט (איילט צום טויטען קערפער) ברודער! זייא אונז מוחל, דוא וועסט נישט קומען צו קבר ישראל, אדער דורך דיר וועלען מיר רע־טען א יודישע נשמה! תהי נפשך צרורה בצרור החיים!

כאהר: (זינגט) אָדָם לַהֶבֶל דָמָה יָמָיו כְּצֵל עוֹבֵר.

(זייא לייגען שנעל דעם טויטען קערפער אויף מרים'ס בעטעל, אין מרים אין זארג, מען טראגט זיא ארויס, קאָהר זינגט טרויריג).

אמבראזיע: (נאכגעהענד) גאטיניו! זיא איזט גערעטעט! זיא איז גערעטעט!...

(פאָרהאַנג).

(ענדע דעם דריטען אקטעם).

IV אקט.

(גראָסער פאלאסט, דאנעבען שטעהט איין הענקער מיט א האַק, אויף דעם באלקאָן ערשיינט קעניג, קעניגין, האָפדאמען און האָפהערען).

אלע: הורא! הורא!

(קאָהר זינגט, קעניג גיט א צייכען, ערשיינט אפיציער מיט אקטען).

אפיציר: (לעזט) אם 17 סעפּטעמבער פאריגען יאהרעס איזט אים קעניגליכען גארטען דאן פערנאנדא מאראלעס ערמארדעט ווארדען, אלע בעווייזע זענען געוועהן, אז דאן סעבאסטיאן דע סעווילא האט דעם מארד בעגאנגען, אבוואהל דער בעשולדיגטער וויל זיינע שולד ניכט אנערקענען, איז איהם דאך ביז היימע נישט געלונגען זיינע אונשולד צו בעווייזען, דאדורך מוס הייטע דאס אורטייל פאן געריכט אויסגעפיהרט ווערדען דער מערדער זאל לויט געזעץ געקעפּט ווערדען.

קעניג: האט דיא היילינע אינקוויזיציאָן ניכט צו זאגען?

גראציע: אונזער היילינער גענעראל אינקוויזיטאר טארקאווי מאדא אוי מיר אלע האבען בעשלאסען דעם פערברעכער איבער צו געבען אין דיא הענד פון דער ציוויל מאכט, און עס זאל געשעהן דער אקט פון גערעכטיגקייט...

העניג: סעבאסטיאן האסט נאך עטוואס צו זאגען?

סעבאסטיאן: נאך איין מאל זאג איך אז איך בין אונשולדיג און דארום בעט איך מען זאל פון מיר דיא קעטען הערונטער נעהמען, קריעגסמאן בין איך געוועהן, און ווארום זאל איך אלס געוועהנליכער מענש שטערבען? לעבען איז מיר מעהר נישט ערלויבט, אבער אלס פרייער מענש זאל מיר ערלויבט זיין צו שטערבען!

קעניג: נעמט אראב די קעטען פון איהם! (געשיהט)

אפיציער: די הינריכטונג זאל פאלצאגען ווערדען. (מען הערט שרייען איינם צווייא...)

קעניג: שטוואס וויכטיגעס מוס געשעהן זיין!

(מרים ערשיינט אלס ריטער).

מרים: האלט! שטעהט! דער ריכטיגער מערדער איז געפונען, מען ברענגט איהם באלד אהער. היער איז דאס פאפיער דא איז געשריעבען [illegible] דער ריכטיגער מערדער האט בעוויזען אין דער געגענווארט פאם היילינען אמבראזיע און אנדערע׳ס צייגען (גיט דעם קעניג דאס פאפיער).

גראציע: אמבראזיע איז מעהר קיין היילינער, ער איז א שטער א שווערען פערדאכט, דער היילינער טריבונאל זוכט איהם! (מאן ברינגט גאנזועלא)

גאנזועלא: זאל הערען דער קעניג, זאל הערען דאס פאלק מאראלעס׳ן האב איך ערמארדעט!

קעניג: דוא?

גאנזועלא: יא! אבער דורך דעם הערצן! (ווייזט אויף פאטריקא).

מרים: (צו סעבאסטיאן) יונגערמאן דוא ביזט גערעטעט!

סעבאסטיאן: א מיין יונגער רעטער, ווי זאל איך דיר מיינע דאנקבארקייט אויסדריקען?

מרים: איך דארף היער קיינען אונגענבליק פערזיימען אלעס ווירד דיר ערקלעהרט ווערדען, נור קום צווישען די געבירגע! (אב).

קעניג: פערהאפטעט דען מאן וויא אויך [illegible] פאטריקא גראציע.

(בעפעהל ווירד אויסגעפיהרט).

פערוואנדלונג.

(האף נעבען סעבאסטיאן'ס הויז, אמבראזיע אלס ריטער).

אמבראזיע: מיט אונגעדולד האב איך אייך דא ערווארטעט, איך האב קיינע צייט, יעדע מינוט איז טייער, איך האב אייך זעהר וויכטיגעס מיטצוטיילען!

סעבאסטיאן: יא פאטער אמבראזיע איך האב אייך באלד ערקענט אבוואהל...

אמבראזיע: ש ש ש מיין זאהן! ניעמאנד דארף מיין נאמען וויסען!

סעבאסטיאן: וויא דער יונגער ריטער האט מיר ערקלעהרט, האבע איך אייך צו פערדאנקען וואס גאנעלא האט זיין שולד אנערקענט!

אמבראזיע: קורץ זא איז עס געשעהן, איך און דיין רעטער וויר האבען געאיילט אין דיא בערגע, אונטערוועגס איז אבער דער יונגער ריטער קראנק געווארדען, וייל ער וואר זעהר ערשעפט, האבען מיר געמוזט אין דארף איבער נאכט שטעהען בלייבען, אין דעם איינפאהר הויז זענען געוועזען א סך מענשען, צווישען זייא אויך גאנעלא, ער וואר זעהר בעזאפען און האט געפראלט אין בעזאפענעם צושטאנד, אז ער וויסט ווער עס האט מאראלעס'ן ערמארדעט. מיט גוטע ווארטע איז מיר געלונגען דיא וואהרהייט פאן איהם הערויס צו בעקומען, ער האט אלעס ערצעהלט. עס וואר אבער וועניג צייט, דען דאס דארף ליעגט זעהר וייט פון סעגאוויע, און עס וואר פערקונדעט דאס היינטע אום 12 אוהר וועט דאס מאדעם אורטייל פאלצאגען ווערדען, דער קראנקער ריטער אבער, האט פערגעסען זיינע וואונדען און האט זיך שנעל אויפגעזעצט אויף איין פפערד און איז געפלויגען נאך סעגאוויע. מיר אלע זאפארט נאך — געדענקסטו ווען דיא אינקוויזיציאן האט געפרעגט נאך דיין פאטער?

סעבאסטיאן: איך ווייס נאר דאס, מיין פאטער איז פערשוואונדען.

אמבראזיע: דיין ארמער פאטער איז געשטארבען אין דעם וועלבען פינסטערען גראב, וויא מען האט דיינע אונגליקליכע מרים גע-
מארטערט.

סעבאסטיאן: מיין פאטער! איזט עס מעגליך? וואר ער דען איין געצער?

אמבראזיע: עס איזט שוין צייט מיין קינד זאלסט וויסען דאס דיין פאטער יודע וואר!...

סעבאסטיאן: מיין פאטער יודע!

אמבראזיע: רוהיג מיין זאהן, דיא טראגסט אויף דיין האלז איין גאלדע-
נעם אבצייכען, וועלכעס דוא האסט פון דיין פאטער?

סעבאסטיאן: יא! איך פערשטעה עס אבער נישט! (זוכט מעדאליאן).

אמבראזיע: דיין אבצייכען איז פון אלע זייטען געבראכען. דיין גאטזעליגער פאטער האט דיר פערשפראכען, דאס מיט דער צייט, וועט ער דיר דיא אנדערע העלפטע פערטרויען, דיא אנדערע העלפט עבען ווירד דיר יעצט ערקלערט ווערען (לעגט עס צוזאמען) פון איין אנדערם צייכען איזט געווארען איין מגן דוד, דאס סימבאל פון יודענטהום! סעבאסטיאן דארט אין דיא געבירגע ווירד דיר אלעס רעסטליכע דייטליך ערקלערט ווערען — לעבע וואהל! (אב).

(ג׳אזעפע, יואנא ערשיינען מיט פעקליך).

ג׳אזעפע: איך זאג דיר, נעם דיר נור מיט, דאס וואס מען דארף, אונ גענוג!

יואנא: אונ טאקי וואס מען דארף — דאס דארף מען נישט!

ג׳אזעפע: טאקי דאס מיין איך דאך!

יואנא: נו, גענוג שוין! זאג בעסער פון וועמען האסטו דעם ניברח פון אמבראזיע?

ג׳אזעפע: שא — פאטער אמבראזיע איז אויסגעטרוקענט געווארען, אזוי וועט אצינד זיין א גרויס רדיפות, מען וויל פון אונז ארויסטרייבען דאס ביסעל יודישקייט, נו, האט מען מכריז ומודיע געוועהן, אז אלע זאלען זיך תיכף אבטראגען, מיר וועלען זיך אלע פערזאמלען אין עמק הארזים

אָבְהַאלְטֶען דַארְט צוּם לֶעצְטֶען מָאהל דֶעם יוֹם טוֹב סֻכּוֹת אוּנ נָאךְ דֶעם, אַלֶע מַארְשׁ נַאךְ פָּארְטוּגַאל!

יואנא: יָא, מֶען דַארְף שַׁאנֶעוֶוען אַלְטֶע זַאכֶען זָאגְסְטוּ דָאךְ!

גיאזועפע: יָא, מֶען דַארְף שַׁאנֶעוֶוען אַלְטֶע זַאכֶען, אָבֶער מֵיינֶע פְלֵיישִׁיגֶע זַאכֶען?

יואנא: עֶס אִיז אָבֶער דָאךְ מֵיינֶע קְלֵיידֶער!

גיאזועפע: אִיךְ וֶועל דִיר מַאכֶען אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער, וַוארְף אַוֶועג דָאס פֶּעקִיל מִיר הָאבֶען נֶעמִינֶערֶע פֶּעקְלִיךְ צוּ טְרָאגֶען... אִין עֵמֶק הָאֲרָזִים וֶועלֶען מִיר נֶעהמֶען אוּנְזֶערֶע סִפְרֵי תּוֹרוֹת, אוּנ דָא הָאבּ אִיךְ טַלִּית אוּנ תְּפִלִּין — זֶעהסְטוּ דָאס פֶּעקַאלֶע דַארְף דֶער יוּד טְרָאגֶען אוּנ נִישְׁט מִיעד וֶוערֶען!

יואנא: יָא! הָאסְט רֶעכְט.

(גיאזועפע זינגט)

דָאס פֶּעקֶעלֶע!

I.

זַייט דֶעם אוּנְזֶער לַאנְד אִיז פֶערְלָארֶען
בְּרֶענְט נָאךְ מֶעהר עֲשׂוֹרִים צָארְן
מִיר וַואנְדֶערְן אוּנ מֶען טְרֵייבְּט אוּנְז פוּן לַאנְד צוּ לַאנְד
עֶר לַאכְט וֶוען מִיר טְרָאגֶען דָאס פֶערְשִׁימֶעלְטֶע פֶּעקֶעל
אָבֶער אַ קְרֶענְק קֶען עֶר וִויסֶען וָואס דָא לִיעגְט אִים זֶעקֶעל
מִיט אוֹצְרוֹת קוֹיפֶען אִיז עֶר דָאס נִישְׁט אִימְשְׁטַאנְד,
חָאטְשׁ מֶען טְרֵייבְּט אוּנ מֶען יָאגְט
דָאס יוּדֶעל גֶעהט וֵויטֶער אוּנ זָאגְט

רעפריין:

טְרָאג דָאס פֶּעקֶעלֶע, יוּדֶעלֶע הָאבּ קֵיין מוֹרָא
אוֹיף דֵיין פְּלֵייצֶעלֶע טְרָאג אוּנ וֶוער נִישְׁט מִיעד
טְרָאג דָאס פֶּעקֶעלֶע יוּדַאלֶע הִיט אָבּ גָאטְס תּוֹרָה,
זָאלַאנְג דוּא טְרָאגְסְט דֶעם נָאמֶען יוּד
הִיט אָבּ גָאטְס תּוֹרָה — טְרָאג דָאס פֶּעקֶעלֶע א. ז. וו.

II.

זַיין פֶּעקֶעל דֶערְטַאפְּט הָאט עֵשָׂו גְלַייךְ
אוּנ זַיין תּוֹרָה צֶערִיסֶען אוֹיף פָּארְךְ
אַ נַייעֶ תּוֹרָה הָאט עֶר גֶעוָואלְט דֶעם יוּד אָנְהֶענְגֶען
דֶער יוּד הָאט דִיא שְׁטִיקְלֶעךְ צוּזַאמֶענְגֶעקְלִיבֶּען
שְׁטִילֶערְהֵייט דָאס קֵיין אוֹת אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען
וֶוייל גַאנְץ וִויל עֶר זַיין תּוֹרָה אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען
חָאטשׁ מֶען טְרֵייבְּט א. ז. וו.

III.

פֶּערְוֶוערְט אִיז אַלֶעם דֶעם יוּד אִים לַאנְד
יֶעדָאךְ אִיז אַלֶעם בֵּיי אִיהם אִין דֶער הַאנְד
אֵייזֶענְבַּאהנֶען, הֵייזֶער, בּוֹיעֶן קָאמֶערְם אִיז נָאר דֶער יוּד
גָאר פְּלוּצִים רֵייסְט עֵשָׂו בֵּיי אִיהם אַלֶעם אוֹיס
אוּנ טְרֵייבְּט אִיהם אִין גַאנְצֶען פוּן דֶעם לַאנְד אַרוֹיס
אַלְדִינְג לָאזְט עֶר, נָאר אֵיינְס, זַיין פֶּעקֶעלֶע נִישְׁט
חָאטשׁ מֶען טְרֵייבְּט א. ז. וו.

IV.

וִויא דֶערְלֶעבֶּען מִיר צוּ זַיין שׁוֹין
אִין אוּנְזֶער הֵיילִיג לַאנְד צִיּוֹן
דָאס אִיז אוּנְזֶער אֵיינְצִיג הָאפֶען אוּנ שְׁטְרֶעבֶּען
אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ פְּרֵיי דִיא תּוֹרָה לֵיינֶען
פַאר שִׂמְחָה ווָאלְט אִיךְ מִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְוֵויינֶען
אִיךְ הָאף אַז יִשְׂרָאֵלִיק וֶועט דָאס נָאךְ דֶערְלֶעבֶּען
חָאטשׁ מֶען טְרֵייבְּט א. ז. וו.

פערוואנדלונג. (עמק הארזים).

(אמבראזיע, רובין).

אמבראזיע: גוט יום טוב, רובין, געה אין שוהל אריין און בערייטע אלעס פאר (אב).

(סעבאסטיאן).

סעבאסטיאן: (אומארמט אמבראזיע) פריעדען צו דיר אלטער גוטער פריינד, וואו ווארסט דוא פערקליידעט, דארט אדער דא?

אמבראזיע: דארט האבען מיינע קליידער פערבארגען וואס איך בין, דא אבער זאגען דיר מיינע קליידער, וואס אונ ווער איך בין!

סעבאסטיאן: אויך איין יודע? וויא פרייט עס מיך דאס זא איין מאן וויא דוא, געהערט צו דען גלויבען מיינעס פאטערס!

אמבראזיע: יונגערמאן, ניכט בלאס צום גלויבען דיינעס פאטערס זאנדערן אויך צו דיינער פאמיליע, איזט דיר בעקאנט, דאס דיין פאטער האט געהאט איינען ברודער?

סעבאסטיאן: וועלכען מען האט גערופען דאן פערנאנדא דע סעווילא.

אמבראזיע: פערנאנדא דע סעווילא וואר מיין פאטער איך בין דיין אנקעלס זוהן, אונזער פאטער האט אויך איינע שוועסטער געהאבט!

סעבאסטיאן: איהר נאמען וואר דאנא בעלא!

אמבראזיע: יא, זיא וואר דיא פרוי פון הענריקא דע מענדוזע וועלכער האט דיעזען פלאץ געגרינדעט און וועלכער איז דער פאטער פון דאנא מאריע!

סעבאסטיאן: מאריע!... זיא איזט מיינע קוזינע, גאט אים הימעל, אבער וואו איזט זיא?

אמבראזיע: יא, יונגערמאן, דוא ווילסט נישט אנזעהן דעם יונגען ריטער וועלכער האט זיין לעבען ריזיקירט דיך צו רעטען?

סעבאסטיאן: איז ער אויך דא? א וויא גליקליך איך וועל זיין איהם מיינע דאנקבארקייט אויסצודריקען.

אמבראזיע: וא? איך גלויבע דעם יונגען ריטער ווירד עס אויך אנגענעהם זיין... באלד, באלד, א יוגענד — גליקליך בליהענדע יוגענד. (אב).

סעבאסטיאן: אויף דעמזעלבען פלאץ האב איך א מאהל מיט פעראכטונג געשפראכען פון דיא יודען, אונ היינט בין איך אליין א יוד!

(אמבראזיע, מרים פערקלוידעט אלס ריטער).

סעבאסטיאן: (לויפט אקעגען) א יונגער פריינד דוא האסט מיך פון טוידט גערעטעט! אונ איך... (מרים ענטקליידעט זיך) אבער מיין גאט! זאל איך מיינע אויגען גלויבען? איז עס קיין טרוים?... דוא... מאריע?...

אמבראזיע: איך פערשטעהע, קינדער, איך בין דא יעצט איבריג, נו, איך וועל אייך ניכט שטערען, איך געה אין שוהל אריין. (אב).

מרים: (בליקט אויף איהם שטאלץ) געצער, אנדערסגלייביגער! ביזט דאך ניכט מעהר וויא א יוד!

סעבאסטיאן: אה, דוא שטאלצע יודין, ביזט ניכט מעהר וויא א הערצענס געליעבטע, אבער יעצט איז אלעס פערגעסען (אומארמונג, אב).

(גראציע אויף דיא געבירגע רעד צו די איבריגע).

גראציע: ניין, ניין, בלייבט דארט, דא איז קיין וועג, דא איז איין אבגרונד מען קען ברעכען דעם האלז (קעהרט זיך אום, קוקט) זייט רוהיג, פאטריקא וועט דעם רעכטען וועג פינדען — איך ווייס דא זייט איהר אלע, אהער האט אייך אייער שלעכט שיקזאל צוזאמען געפיהרט, אום איך זאל אייך אלע אויף איין מאהל פערניכטען! איהר האסט מיך ווייל איך בין אייער פיינד — איהר שטאלצירט מיט אייער ריינהייט, וועל איך נאך מעהר מיינע הענד מיט בלוט בעשמוצען, ציטערט דארט! פאטריקא גראציע קומט, אונ מיט איהם אויך שארפע שווערדען (אב).

(וועהרענד מען דאווינט קלאפט מען, רובין קומט).

רובין: (געהט צו וויא מען קלאפט) ווער איזט דארט?

גראציע: (פון די קאליסען) איך, א יונגער ברידער, א פריינד!

רובין: זאג דעם סימן!

גראציע: הא... סימן... איך... האב פערגעסען!

רובין: פערגעסען! (דענקט) ווארטע, באלד!

(אמבראזיען, סעבאסטיאן).

אמבראזיע: פְרֶעג נָאךְ אַ מָאהל וָוער דָארְט אִיז!

רובין: זָאג וֶוער בִּיזְטוּ (אמבראזיע רעד מיט סעבאסטיאן).

גראציע: לָאז מִיךְ אַרֵיין, אִיךְ בִּין אֵיינֶער פוּן דִיא פֶערְשְׁפֶּעטִיגְטֶע בְּרוּדֶער!

אמבראזיע: יָא דָאס אִיז עֶר! לָאזְט אִיהם אַרֵיין, נוּר אֵיינֶעם.

(אמבראזיע, סעבאסטיאן שטעלען זיך פוןביידע זייטען, רובין לאזט אריין גראציע, שליעסט באלד דיא טהיר צו).

גראציע: (צו רובין נישט מערקענדיג די אנדערע) פַאר וָואס הָאסְטוּ צוּגֶעמַאכְט דִיא טְהִיר? (אפארט) דָא וֶוענֶען זֵייא אַלֶע אוּנ אִיךְ אַלֵיין!

אמבראזיע: נִישְׁט אַלֵיין בִּיזְטוּ, מִיט דִיר וֶוענֶען דֵיינֶע שְׁוַוארְצֶע טַהאטֶען!

גראציע: אָ, דֶער פֶערְשְׁטֶעלְטֶער אַמְבְּרָאזִיעֶ, אָ, הַאלְט, מִיר וֶוענֶען פִינְפְצִיג מַאן, אִיךְ נוּר מִיט אֵיין גֶעשְׁרֵיי, אוּנ אִיהר וֶוענְט אַלֶע פֶערְלוּירֶען.

אמבראזיע: פִינְפְצִיג מַאן? (סעבאסטיאן פאקט איהם אוןווארפט איהם אום).

סעבאסטיאן: דַארוּם זָאלְסְט דוּא צוּעֶרְשְׁט קְרַאפִּירֶען נָאךְ בֶּעפָאר דוּא וָועסְט גֶעבֶּען אַ גֶעשְׁרֵייא!

(אלעם ערשיינט מיט לולבים און אתרוגים — רובין שלעפט גראציעס קערפער ארויס.)

אמבראזיע: יֶעצְט מֵיינֶע בְּרִידֶער, לְכָבוֹד דֶעם יו״ט שִׂמְחַת תּוֹרָה וֶועלֶען מִיר נָאךְ דָא מִיט דִיא הַקָפוֹת גֶעהֶען, אוּנ דַאן וַואנְדֶערֶען מִיר אוֹיס נַאךְ פָּארְטוּגַאל, וְוִיא מִיר וֶועלֶען זַיין גֶעשִׁיצְט פוּן אוּנְזֶערֶע פֶערְפָאלְגֶער!

(שלום דאס פעקאלע).

(פ א ר ה א נ ג.)